ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

ספר השיחות
תשנ"ב

- כרך ב -

ש"פ יתרו, כ"ף שבט - ש"פ ויקהל, כ"ה אדר-ראשון, מבה"ח אדר-שני



מכבוד קדושת

אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

שניאורסאהן

מליובאוויטש

- הוצאה שלישית -



יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושלש לבריאה

מאה שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זי"ע

SEFER HASICHOS -- 5752
Volume Two

Second Printing 1998
Third Printing 2003
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
Orders Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehotonline.com

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data
Schneerson, Menahem Mendel, 1902—1994
[Sihot 5752]
Sefer ha-sihot, 5752 / mi-kevod Kedushat Menachem
Mendel Shene'ursohn, mi-Lyubavitsh.
p. cm. -- (sifriy. Otsar ha-hasidim, Lyubavitsh)
(Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3.)
Hebrew and Yiddish.
Title on v. 1. t.p verso: Sefer Hasichos, 5752
Includes bibliographical notes and indexes.
ISBN 0-8266-5772-9 (v.1):
ISBN 0-8266-5774-5 (v. 2):
1. Jewish Sermons, Hebrew. 2. Jewish Sermons, Yiddish.
3. Hasidism--Sermons. 4. Habad--Sermons.
I. Title. II. Title: Sihot, 5752. III. Title: Sefer hasichos,
5752. IV. Series. V. Series: Sifriyat Otsar ha-Hasidim,
Lyubavitsh.
BM740.2.S298 1993 Hebr
296.8'3322--cd20
Library of Congress Catalog Card #89-15226 CIP

Printed in Israel

בס"ד.

להוצאה החדשה

בקשר עם יום הבהיר י"א ניסן – יום מלאות מאה ואחת שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע,

הננו מדפיסים בהוצאה חדשה את ספר השיחות תשנ"ב (כרך שני).

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד „הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשאינו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, „תורה חדשה מאתי תצא".

מערכת „אוצר החסידים"

מוצש"ק פ' שמיני, יום הבהיר כ"ה אדר-שני, ה'תשס"ג
מאה ושתים שנה להולדת הרבנית הצדקנית נ"ע זי"ע
ברוקלין, נ.י.

מפתח ותוכן

הוספות

מפתח

מפתחות



ספר השיחות
תשנ"ב

- כרך ב -

משיחות ש"פ יתרו, כ"ף שבט ה'תשנ"ב

א. די עשרת הדברות שטייען צוויי מאָל אין תורה — דעם ערשטן מאָל אין אונזער פרשה, פרשת יתרו[1], און דעם צווייטן מאָל בספר משנה תורה אין פרשת ואתחנן[2].

מען דאַרף במיוחד פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון די צוויי מאָל: וויבאַלד אַז די עשרת הדברות זיינען אַן עיקר ויסוד אין גאַנץ תורה, און זיי זיינען כולל כל התורה כולה[3], דאַרף מען זאָגן אַז די צוויי מאָל — די „דברות[4] הראשונות" אין פ' יתרו און די „דברות[4] האחרונות"[5] אין פ' ואתחנן — ברענגען אַרויס צוויי ענינים אין תורה בכלל.

ובפרט אַז עס זיינען פאַראַן כמה שינויים צווישן די „דברות הראשונות" (אין פ' יתרו) און די „דברות האחרונות" (אין פ' ואתחנן), ווי ערקלערט אין מד־רשי חז"ל[6] און אין מפרשים[7]. ומסתבר לומר אַז די שינויים פרטיים פון די צוויי מאָל זיינען אַ תוצאה פון דעם חי־לוק כללי ביניהם, כדלקמן.

ב. אַ כללות'דיקער און עיקריות'־דיקער אונטערשייד צווישן די דברות הראשונות און די דברות האחרונות — אויך בפשטות הענינים — איז, אַז די דברות הראשונות (בפ' יתרו) זיינען ווי דער אויבערשטער אַליין זאָגט זיי[8] (באַ מתן תורה) — „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר"[9], און די דברות האחרונות זיינען אַ חלק פון דברי משה[10], ווי משה רבינו חזר'ט עס

1) כ, א ואילך.

2) ה, ו ואילך.

3) „כל תרי"ג מצוות בכלל עשרת הדברות הן ורבינו סעדי' פירש באזהרות שיסד לכל דבור ודבור מצות התלויות בו" (פרש"י משפטים כד, יב). ותר"ך אותיות שבעשה"ד הן כנגד התרי"ג מצוות וז' מצוות דרבנן (ראה תורה שלימה חט"ז מילואים ס"א (ע' רי ואילך), ושי"נ). ובירושלמי שקלים פ"ו ה"א „בין כל דיבור ודיבור דקדוקי' ואותיותי' של תורה". וראה תניא רפנ"ג: עשרת הדברות הן כללות התורה כולה.

4) לשון חז"ל — ב"ק ספ"ה (נד, ב. נה, א). ועוד. ובכמה מפרשים הלשון — „דברות ראשונות, דברות שניות" (כלי יקר עה"פ פרשתנו כ, ח. ועוד).

5) היינו, האחרונות כפי שנכתבו בתורה, כי „אחרונות וראשונות חדא מילתא היא" (תוד"ה בהמתך — ב"ק נד, ב). וראה מפרשים שבהערה 7. ויש מפרשים ש„אחרונות" נכתבו בלוחות האחרונות (ראה לקמן הערה 10).

6) ב"ק שם. ועוד.

7) ראב"ע (פרשתנו כ, א. ואתחנן ה, טז), רמב"ן (פרשתנו כ, ח. ואתחנן ה, יב), כלי יקר (פרשתנו שם) ועוד. מפרשי רש"י פרשתנו וואתחנן שם. ועוד. וראה תו"ש חט"ז מילואים ס"ב (ע' רלח ואילך). ושי"נ.

8) ואמר הקב"ה כל עשרת הדברות בדיבור אחד (פרש"י פרשתנו כ, א), וגם כאשר „חזר ופירש על כל דבור ודבור בפני עצמו" (שם), ובנ"י „לא שמעו מפי הגבורה אלא אנכי ולא יהי' לך" ושאר הדברות הי' „משה מדבר ומשמיע . . לישראל" (פרש"י שם יט, יט), ה"ז פירוש הדיבור ששמעו מפי הקב"ה (בדיבור א'), ובפרט לפי הפירוש שבחזרה על הדברות חזר גם הקב"ה בעצמו ופירש (בשבילם) כל דבור ודבור (ראה לקו"ש חי"א ע' 160 בהערות, ושי"נ).

9) פרשתנו כ, א.

10) כלומר: אף שגם דברות האחרונות הם דבר ה' (כמ"ש לאחרי סיום העשה"ד בואתחנן (ה, יט): „את הדברים האלה דיבר ה' אל כל קהלכם"), ונאמרו ע"י הקב"ה עצמו (כמאחז"ל (ר"ה כז, א. שבועות כ, ב) „זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו, מה שאין הפה יכולה לדבר ואין האוזן יכולה לשמוע",

איבער[11] (בשנת הארבעים) אין ספר משנה תורה[12] („אלה[13] הדברים אשר דיבר משה")[14].

והיות אַז ביידע דברות — זיינען אַ חלק פון תורה הנצחית[15], ותורה מלשון הוראה[16] — איז מובן אַז ביידע אופנים באמירת עשרת הדברות (דבר ה' עצמו, און דבר ה' ווי איבערגעגעבן דורך משה) זיינען פאַראַן בכל עניני התורה, און אין דער עבודה פון אַ אידן בלימוד התורה און אין קיום המצוות בכלל, במשך כל הזמנים.

ובפרט ע"פ דברי חז"ל אַז לימוד התורה דאַרף זיין באופן אַז בכל יום יהיו בעיניך חדשים[17], פונקט ווי ס'איז געווען דעם ערשטן מאָל (וואָס דערפאַר זאָגט מען אין ברכת התורה „נותן התורה" — לשון הווה[18]), ביז אַז „מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע"[19] — איז מובן, אַז די ביידע אופנים אין אמירת עשרת הדברות, דאַרפן זיין אין עבודת האדם בכל יום ויום.

וצריך ביאור: וואָס קומט צו דורך די דברות האחרונות שאמר משה לגבי די דברות הראשונות וואָס די אידן האָבן געהערט פון דעם אויבערשטן אַליין?!

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם:

אין תורה זיינען בכללות פאַראַן צוויי דרגות:

שזהו דוקא בכחו של הקב"ה. וראה מכילתא דרשב"י פרשתנו שם (וראה תו"ש שם אות ט) שהקב"ה אמר בדיבור אחד דברות אחרונות יחד עם דברות הראשונות (או שדיבר שתי פעמים — ראה משנת ר"א פי"א. וראה תו"ש שם)) — הרי בספר משנה תורה כל הענינים, גם דברות האחרונות (שנאמרו ע"י הקב"ה), הן חלק מדברי משה, ולא אמירה „מפי הגבורה" עצמה (כבדברות הראשונות).

ולהעיר, שגם לפי הפירוש שדברות הראשונות היו על לוחות הראשונות ודברות האחרונות על לוחות האחרונות (לקח טוב תשא לד, א. ואתחנן ה, יב. וכן משמע בב"ק נה, א. וראה פני יהושע שם. פנים יפות תשא לד, א. תו"ש תשא שם אות כ. ובמילואים ס"ד פי"ז (ע' קסא)) — הרי החילוק ביניהם הוא שלוחות ראשונות הם „מעשה אלקים" ו„מכתב אלקים" (תשא לב, טז), ולוחות אחרונות הם מעשה משה (ראה תשא לד, א. עקב י, א).

11) ראה רש"י סנהדרין נו, ב ד"ה כאשר צוך: משה לאו מאליו הי' שונה להם משנה תורה כו' אלא כמו שקבלה הוא והי' חוזר ומגיד להם, וכל מה שכתוב בדברות האחרונות הי' כתוב בלוחות וכן שמע בסיני (וראה גם תוד"ה כאשר צוך — שבת פז, ב). וראה בפי' הרמב"ן (פרשתנו כ, ח. ואתחנן ה, יא־יב), ועד"ז בפי' הגור ארי' (יתרו ואתחנן שם), וראה גם פי' הרא"ם שם — שבדברות האחרונות חזר משה על דברות הראשונות (ששמעו בנ"י מהקב"ה עצמו), והוסיף פירוש בהן („דודאי משנה תורה לאוסופי אתא" — גו"א שם), כמו „שמור את יום השבת" (במקום „זכור" שנאמר בדברות הראשונות), שהרי „זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו" (כבהערה הקודמת. הובא בפרש"י פרשתנו כ, א. ואתחנן שם).

12) ועפ"ז מבוארים כמה שינויים בין דברות הראשונות ודברות האחרונות (ראה פני יהושע שם), כמו: השינוי ד„שמור" לגבי „זכור" (ראה מקומות שבהערה הקודמת. ש"ך עה"ת פרשתנו כ, ח). ההוספה של „כאשר צוך" (במצות שבת ובמצות כיבוד אב ואם). ועוד.

13) ר"פ דברים.

14) שמשנה תורה משה מפי עצמו אמרה (וברוח הקודש) — מגילה לא, ב (ובתוס'). זח"ג רסא, א. ועוד. וראה לקו"ש חי"ט ע' 9 ואילך. ושי"נ. משא"כ ארבעה ספרים הראשונים הם „מפי הגבורה" (מגילה שם).

15) תניא רפי"ז. ובכ"מ.

16) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ועוד. וראה זח"ג נג, ב.

17) ראה פרש"י פרשתנו יט, א. עקב יא, יג. תבוא כו, טז.

18) של"ה כה, א. לקו"ת תזריע כג, א. מאמרי אדהאמ"צ שמות ח"א ע' קעה. ושי"נ.

19) ברכות כב, א.

(א) תורה מצד עצמה איז „חמדה[20] גנוזה שגנוזה לך . . קודם שנברא העו־לם"[21], זייענדיק חכמתו ורצונו של הקב"ה[22], ביז אַז תורה איז איין זאַך מיט עצמותו ית' – „אורייתא וקוב"ה כולא חד"[23].

(ב) דערנאָך איז תורה „נסעה וירדה בסתר המדרגות ממדרגה למדרגה בהש־תלשלות העולמות עד שנתלבשה ב־דברים גשמיים ועניני עולם הזה כו'"[24]. און בא מתן תורה איז די תורה געגעבן געוואָרן צו אידן למטה בארץ דוקא (ביז אַז תורה „לא בשמים היא"[25]), אַז אידן נשמות בגופים דאַרפן לערנען תורה און פסק'נען שאלות ע"פ שכלם והבנתם הם (בשכל דלמטה). נוצן תורה ומצוות אויף איבערמאַכן די גשמיות'דיקע וועלט און מאַכן פון איר אַ דירה לו יתברך בתחתונים[26].

ד. פון די צוויי דרגות אין תורה קומען אַרויס אויך צוויי ענינים וואָס דאַרפן זיין אין לימוד התורה פון אַ אידן:

(א) די ידיעה און הכרה אַז תורה איז חכמתו ורצונו ית', העכער פאַר כל עניני העולם כולל שכל האדם – ברענגט אַרויס דעם הרגש הביטול פון דעם אדם הלומד צו דעם אויבערשטן. און אַז פאַר דעם לימוד דאַרף ער מאַכן ברכת ה־תורה[27] („ברוך אתה ה' כו' ונתן לנו את תורתו"), „אע"פ שאינו מבין אפילו פי־רוש המלות" (בתושב"כ)[28].

נאָכמער: זיין ביטול דאַרף זיין עד כדי כך, אַז ער פילט זיך ניט פאַר אַ מציאות בפ"ע, נאָר צו אַרויסברענגען דעם דבר ה' שבתורה – כמ"ש[29] „תען לשוני אמרתך", „שהתורה היא אמרתך אלא שלשוני תען כעונה אחר האומר מה שהוא אומר"[30]. דאָס הייסט, אַז נוסף אויף דעם וואָס „כל הקורא ושונה הקב"ה קורא ושונה כנגדו"[31] (אַז זיין קריאה ולימוד בתורה איז גורם כביכול די קריאה ולימוד של הקב"ה), איז נאָכ־מער: דער דיבור האדם עצמו איז דער דיבור של הקב"ה, באופן פון „אדנ"י שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך"[32], „דברי אשר שמתי בפיך"[33], ע"ד שכינה מדברת מתוך גרונו[34]!

און דעריבער זאָגן חז"ל „מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע" („שלכ־אורה אינו מובן דמיון זה מה להלן כו' אף כאן כו' שהרי במעמד הר סיני וכל העם רואים את הקולות[35] ופב"פ דיבר ה'[36] משא"כ בעסק התורה של כל אדם

---

20) שבת פח, ב.

21) ואדרבה: כל העולם נברא על ידי התורה (ראה ב"ר בתחלתו. זח"ב קסא, ריש ע"ב) ובשביל התורה (פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ).

22) ראה תניא פ"ד־ה.

23) תניא פ"ד ורפכ"ג בשם הזהר. וראה הנסמן במאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"א ע' רפה. וראה זח"א כד, א. זח"ב ס, א. תקו"ז ת"ו (כא, ב). תכ"ב (סד, א). לקו"ת נצבים מו, ב. ועוד.

24) תניא פ"ד (ח, ב).

25) נצבים ל, יב. ב"מ נט, ב.

26) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

27) ראה ב"ח או"ח סמ"ז.

28) הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב. וש"נ.

29) תהלים קיט, קעב.

30) תו"א פרשתנו סז, ב.

31) ראה תדבא"ר פי"ח. יל"ש איכה רמז תתלד.

32) תהלים נא, יז.

33) ישעי' נט, כא.

34) נסמן בלקו"ש ח"ד ע' 1087 הערה 5.

35) פרשתנו כ, טו.

36) ואתחנן ה, ד.

כשלומד בפני עצמו"[36]) — ווייל „גם ה־עסק התורה שבכל א' ובכל זמן הוא דבר ה' ממש שנאמר למשה מסיני („וידבר אלקים את כל הדברים האלה"), ועל ידי זה תפול עליו אימה ויראה כאלו קבלה היום מהר סיני"[36].

(ב) די ידיעה אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן למטה בארץ דוקא, צו אים אַלס אַ נשמה בגוף — ברענגט אַרויס ביי אַ אידן אַז עס דאַרף זיין אַ מציאות פון אַן אדם, און אַז ער זאָל לערנען תורה און זיך משתדל זיין צו פאַרשטיין בשכלו די תורה וואָס ער לערנט, ביז אין אַן אופן אַז תורת ה' (שנקראת על שמו של הקב"ה) ווערט „נקראת על שמו"[37] פון דעם מענטשן („תורתו"[38], „תורה דילי' היא"[39] (און דערפאַר איז „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול"[40]), ער ווערט אַ בעה"ב (כביכול) אויף תורה.

ה. ועד"ז קומען דערפון אַרויס אויך צוויי ענינים אין דעם תכלית פון נתינת התורה והמצוות למטה — לעשות לו ית־ברך דירה בתחתונים, וואָס ווערט אויפ־געטאָן דורך תורה ומצוות:

(א) עס זאָל זיין אַ „דירה לו יתברך", וואָס דערצו דאַרף מען האָבן תורה — „אורייתא וקוב"ה כולא חד" — וואָס זאָל אויפטאָן די המשכה וגילוי פון עצמותו ית'[41].

(ב) עס זאָל זיין אַ מציאות פון „תחתונים", און אַ איד — אַ נשמה בגוף — געפינט זיך, צוזאַמען מיט דער תורה שירדה למטה[42], אין תחתונים, און פירט זיך לויט די גדרים ומנהגים פון „תחתו־נים", בכדי דאָרטן קענען אויפמאַכן (אין די תחתונים ווי זיי בלייבן אין זייער גדר ומהות) אַ דירה לו יתברך, דורך אויסנוצן די גדרים והנהגות גופא ע"פ הוראות התורה אויף מאַכן זיי אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן.

כפשטות ענין הדירה: בכדי שאַפן אַ דירה אין אַ געוויסן אָרט און מיט געוויסע זאַכן (תחתונים), דאַרף זיין „אזלת לקרתא (און נאָכמער —) הלך ב־נימוסי"[43]: מען דאַרף גיין און זיך באַ־זעצן אין דעם אָרט („אזלת לקרתא"), און נאָכמער — באופן פון התלבשות — „הלך בנימוסי", זיך פירן לויט די מנהגי וני־מוסי המקום, וואָס דוקא דעמולט איז שייך אַז ער זאָל זיך אין דעם אָרט באַזעצן באופן אַז דאָס זאָל ווערן זיינע אַ דירה, דורך אויסנוצן די מנהגי וני־מוסי המקום אויף צו שאַפן זיין דירה און איר פאַרברייטערן און שענער מאַכן וכו' (משא"כ אויב ער געפינט זיך במקום שני, אָדער אפילו במקום זה אָבער ב־אופן אַז ער איז ניט „הלך בנימוסי", קען ער דאָרט ניט האָבן אַ דירה).

ועד"ז בנמשל: בכדי אויפצומאַכן אַ

37) ע"ז יט, א.

38) תהלים א, ב.

39) קידושין לב, ריש ע"ב (וראה בפרש"י שם).

40) שם לא, סע"א.

41) „דירה לו ית" — לו לעצמותו (סה"מ תקס"ה ח"א ע' תפט. הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32).

42) בכללות מבואר, שע"י ענין התורה (שגם בירידתה למטה אינה מתלבשת בדברים גשמיים) נעשה הדירה לו ית' (המשכת עצמותו ית'), וע"י המצוות נפעלת ההמשכה בתחתונים (ראה לקו"ש חט"ז ע' 440 ואילך. ושי"נ). אבל, מכיון שהמשכת כל הענינים היא ע"י התורה, מובן, שבפרטיות יותר, גם ההמשכה בתחתונים היא ע"י התורה עצמה, דרגת התורה שירדה למטה.

43) שמו"ר פמ"ז, ה. ועד"ז בב"ר פמ"ח, יד. וראה ב"מ פו, ב. — וראה גם שיחת ש"פ וישב — לעיל ח"א ע' 174 ואילך.

דירה בתחתונים קען אַ איד ניט בלייבן אַ נשמה למעלה, נאָר ער, צוזאַמען מיט תורה, דאַרף יורד זיין אין דעם מקום ומצב פון תחתונים, און זיך דאַרט פירן לויט די מנהגי ונימוסי המקום (התחתונים) ע"פ הוראות התורה, און זיי גופא אויסנוצן אויף מאַכן די דירה לו יתברך.

ו. ויש לומר אַז דער כח אויף די ביידע ענינים — סיי אין לימוד התורה און סיי אין דער עבודה פון דירה בתחתונים — קומען פון די צוויי סוגי דברות:

די „דברות הראשונות" — „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" — גיבן אידן דעם כח אַז אין כל התורה זאָל באַ זיי זיין אַ ביטול „לדבר ה' המדבר בפיהם ולהיות רק כעונה אחר האומר"[36].

ווי ס'איז מבואר[44] דער פירוש אין דעם וואָרט „(וידבר אלקים את כל הדברים האלה) לאמר" — „דלכאורה[36] מלת לאמר אין לה הבנה ואינה כמו כל לאמר שבמקרא שפי' לאמר לזולתו, משא"כ בעשרת הדברות א"א לפרש כך שהרי כל ישראל שמעו פנים בפנים דבר ה'"[36] את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה"[45] [באַ מעמד הר סיני זיינען געווען די נשמות פון אַלע דורות[46], און אויך נשמות הגרים[47]]?!

איז דער פירוש דאָ אין „לאמר" — אַז ווען „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" האָט ער געגעבן כח אידן

44) תר"א שם. לקו"ת שה"ש מב, א. ובכ"מ.

45) נצבים כט, יד.

46) פדר"א פמ"א. שמו"ר ספכ"ח. תנחומא פקודי ג. נצבים ג. זח"א צא, א. זח"ב פג, ב. תקו"ז תמ"ט (פו, א).

47) ראה לקו"ש חכ"ח ע' 242 הערה 22.

בכל הדורות אַז זייער לימוד בכל דברי התורה (וואָס זיינען אַלע נכלל אין „את כל הדברים האלה"[48]) זאָל זיין אין אַן אופן פון „לאמר מה שכבר נאמרה"[30], אַז דער איד זאָגט דערביי (ניט זיינע אייגענע ווערטער, נאָר) „דבר ה' ממש שנאמר למשה מסיני"[30], „תען לשוני אמרתך".

און די „דברות האחרונות" וואָס משה — דער ממוצע המחבר „בין ה' וביני־כם"[49] (זייענדיק „איש האלקים"[50], אַלס נשמה בגוף למטה) — האָט איבערגע־זאָגט, גיבן דעם כח אַז אַ איד, זייענדיק אַ נשמה בגוף, זאָל ער האָבן דעם כח (ובפרט דורך בחי' משה שבקרבו[51]) צו קענען לערנען תורה בהבנה והשגה פון שכל האדם למטה.

ועד"ז — באַקומט מען דערפון דעם כח צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתח־תונים, הן בנוגע צו אַ אידן אַליין [כ־ידוע[52] אַז דער עיקר ענין פון „דירה בתחתונים" איז (און הויבט זיך אָן) בנוגע צו אַ אידן, „לדור ולשכון בנש"י כו' שיהיו כנס"י מכון לשבתו ית' כו'"[53] — וואָרום „ישראל וקוב"ה כולא חד", זיי־נען דאָך אידן די אמת'ע „דירה" פאַר עצמותו ית', זייענדיק כביכול איין זאַך מיט עצמות, נאָר דאָס ווערט נתגלה דורך זייער עבודה אין תחתונים], ביז אַז

48) ראה חגיגה ג, ב ובכמה מדחז"ל — הובאו בלקו"ת במדבר טו, ג. וראה לעיל הערה 3.

49) ואתחנן ה, ה. וראה בארוכה ד"ה פנים בפנים תרנ"ט (ע' קצ ואילך).

50) תהלים צד"ק, א. וראה מדרש תהלים (באבער) עה"פ. דב"ר פי"א, ד. — וראה בארוכה שיחת ש"פ צו (סה"ש תנש"א ח"א ע' 395 ואילך). וברכת י"א ניסן תנש"א (שם ע' 412 ואילך). וש"נ.

51) תניא רפמ"ב.

52) ראה לקו"ש חט"ז ע' 477 ואילך. וש"נ.

53) המשך תרס"ו ס"ע תסח. ובכ"מ.

דערפון ווערט נמשך אויך דער כח צו מאַכן אַ דירה בתחתונים אין עולם:

(א) בנוסח „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" בדברות הראשונות גיט מען דעם כח צו אויפטאָן אַ „דירה לו יתברך", לו לעצמותו[54], און (ב) אמירת עשרת הדברות דורך משה רבינו — גיט דעם כח דאָס צו אויפטאָן אין „תחתונים", בגדרם הם, היות אַז משה געפינט זיך למטה, „אזלת לקרתא הלך בנימוסי'".

ז. דער טעם פאַרוואָס מ'דאַרף אָנקומען צו ביידע דברות — הראשונות והאחרונות — איז, ווייל יעדערער פון זיי האָט אַ מעלה:

די מעלה פון „וידבר אלקים גו'" איז — דער גילוי והמשכת הדברות פון עצמותו ומהותו יתברך אָן קיינע ממוצעים, אפילו ניט דורך דעם ממוצע פון משה רבינו („איש האלקים").

דהגם אַז משה איז אַ ממוצע המחבר וועלכער גיט איבער דבר השם באופן פון „שכינה מדברת מתוך גרונו"[34], „בלי שום הרגש כלל כ"א דבר ה' הי' מדבר"[55], בדרך מעבר און ניט בדרך התלבשות[56] — פונדעסטוועגן איז „ה־מעבר פועל ג"כ", און מ'האָט געדאַרפט אָנקומען צו משה'ן, ווייל „מפי הקב"ה בעצמו לא הי' יכולים לקבל כו'", משא"כ דורך משה, איז „עם היות שהוא בדרך מעבר לבד מ"מ ה"ז פועל שיוכל להתקבל בנש"ר"[55].

דער אויפטו פון „וידבר אלקים את כל הדברים האלה" איז, אַז אַלע אידן האָבן געהערט די דברות „מפי הגבורה" עצמו אָן קיין ממוצע!

אָבער אעפ"כ, דער אופן ווי מ'נעמט אויף דעם דבר ה' איז דורך ביטול ה־מציאות — ווי ס'איז דעמולט געווען, אַז על כל דיבור ודיבור „פרחה[57] נשמתן"[58] (און ס'האָט געדאַרפט זיין „הוריד טל ש־עתיד להחיות בו מתים והחי' אותם"[59]), און דעריבער האָבן אידן געדאַרפט אָנקומען (בנוגע צו די שאר הדברות נאָך אנכי ולא יהי' לך) אַז „משה[60] מדבר ומשמיע . . לישראל"[61].

די מעלה אין די דברות האחרונות שנאמרו ע"י משה איז, אַז דער דבר ה'

54) נסמן בהערה 41.

55) סה"מ תרנ"ט שם ע' קצד.

56) „שאם הי' מרגיש הי' מתעצם הדבר ה' בו ואח"כ הי' יוצא א"כ אין זה דבר ה' ממש כ"א דבר משה מה שקבל מה' וכו'", ועד"מ משקה ששופכין דרך המשפך שהמשפך אינו מקבל כלל המשקה כ"א עובר דרך המשפך — סה"מ תרנ"ט שם. וראה שם, שזהו החילוק בין הממוצע דמשה והממוצע שבעולמות, שע"י משה נמשך אור התורה למטה, שהוא בחי' פנימיות ועצמות האור ולא נשתנה כלל בהמשכתו למטה, משא"כ בהמשכת האור לצורך העולמות כו'.

57) ראה שיחת ש"פ שלח תש"נ (ס' השיחות תש"נ חלק ב' ע' 520) הערה 56.

58) ראה שבת פח, ב. שמו"ר פכ"ט, ד. שהש"ר פ"ה, טז (ג).

59) שבת שם.

60) נסמן בהערה 8.

61) ובדוגמת זה הוא בנוגע ללוחות הראשונות* עצמן — ש„נסתכל (משה) בהן וראה שפרח כתב מעליהן, אמר האיך אני נותן להם לישראל את הלוחות שאין בהם ממש, אלא אאחוז ואשברם" (אדר"נ פ"ב. וראה רבינו בחיי תשא לב, טו). ובפדר"א פמ"ו ויל"ש תשא רמז שצב: הלוחות לא נבראו מן הארץ אלא מן השמים. וראה לקו"ש חי"ד ע' 31 ואילך. ושי"נ.

*) ראה לעיל הערה 10 הפירוש שדברות הראשונות היו על לוחות הראשונות.

קומט אַראָפּ אין אַ דרגא וואָס איז בערך צו אידן: זייער מציאות גופא קען דאָס אויפנעמען בפנימיות (ניט דורך ביטול במציאות). אָבער דאָס איז דערפאַר ווייל דער גילוי דורך משה קומט אָן צו אידן דורך עפּעס-וואָס אַ שינוי כו׳, ניט כביכול ווי דער גילוי איז מצד „וידבר אלקים גו׳" בעצמו.

ובסגנון האמור פון „לעשות לו ית־ברך דירה בתחתונים": אין די דברות הראשונות שטייט בגלוי די „דירה לו יתברך", און ניט אַזוי די „תחתונים"; אין די דברות האחרונות — שטייען מער בהדגשה די „תחתונים", און ניט אַזאַ הויכע דרגא פון „לו יתברך".

ובפרטיות יותר — יש לומר אַז אין „דירה לו יתברך" עצמה זיינען דאָ צוויי אופנים ודרגות[62], ווי דאָס ווערט אויפ־געטאָן דורך משה (בדברות האחרונות) און ווי דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך „וידבר אלקים גו׳" (בדברות הראשונות):

(א) אפילו ווען מ׳מאַכט אויף אַ „דירה לו יתברך (בתחתונים)", איז דאָס אָבער נאָר אַ „(דירה) לו יתברך", און ניט הוא יתברך (דער דייר) אַליין: ניט „וידבר אלקים גו׳" אַליין, נאָר ווי דבר ה׳ קומט אַרויס דורך משה (בדברות האחרונות).

ווי מ׳זעט עס אין אַ דירה בפשטות: אע״פ וואָס אין אַ דירה שטייט דער אדם הדר בה בגלוי בכל עצמותו[63], איז אָבער די דירה אַליין ניט אַ חלק פון דעם אדם הדר בו, זיי זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. ועד״ז אין נמשל: ווי־באַלד אַז די כוונה איז צו מאַכן אַ דירה בתחתונים במציאותם ודרגתם הם (ביז אַז די דירה ווערט אויפגעמאַכט דורך די גדרים ונימוסים פון תחתונים, „אזלת לקרתא הלך בנימוסי׳"[64], כנ״ל), איז אפילו ווען עס ווערט אַ „דירה לו יתברך בתחתונים", אפילו אַ דירה לעצמותו ית׳, וואו דער אויבערשטער שטייט בגלוי, בלייבט אָבער די „דירה בתחתונים" אין אַ מצב פון „תחתונים" „בענין הסתר אורו ית׳"[64] (אַז אלקות איז זיך דאַרטן מתכסה מתעלם ומתלבש), וועלכע איז אַ „דירה לו יתברך", אָבער אַ „באַזונדער" זאַך כביכול פון דעם דייר עצמו, עצמותו ית׳ [וואָס הגם אַז אין דעם איז דער חידוש אַז אפילו אין תחתונים ווערט אַ דירה לו יתברך, איז דאָס אָבער ניט ווי עצמות ומהות שטייט בעצמותו ממש].

ווי״ל אַז דאָס איז דער אופן פון עשיית דירה בתחתונים ווי עס ווערט אויפגעטאָן דורך משה (ממוצע המחבר) מצ״ע — ע״ד ווי די „דברות האחרונות" וואָס זיינען דבר ה׳, אָבער ווי דאָס קומט אַרויס דורך משה רבינו, ובמילא איז דאָס מער בערך צו „תחתונים", אָבער ניט דער גילוי פון דעם דייר אַליין.

(ב) עס ווערט אויפגעטאָן נוסף על אַ „דירה לו יתברך", און עצמות ומהות יתברך אַליין שטייט בגלוי בכל עצמותו — „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" אין די דברות הראשונות.

ח. תכלית שלימות המעלה איז דער חיבור פוןביידע ענינים: דער גילוי עצמות ומהות א״ס ב״ה בעצמות ומהותו (ניט ווי ער שטייט אין משה בתור ממוצע המחבר) צו אידן ווי זיי שטייען

62) שהרי גם משה מצ״ע (בדברות האחרונות) בודאי פעל הענין דדירה לו יתברך (נוסף על הענין דדירה בתחתונים).

63) אוה״ת בלק ע׳ תתקצז. המשך תרס״ו ס״ע ג. הנסמן בסה״מ מלוקט ח״ב ע׳ כז הערה 35.

64) תניא פל״ו (מה, ב).

אַלס נשמות בגופים בתחתונים און נע־מען אויף דעם גילוי בפנימיות מציאותם (ניט ע"י ביטול מציאותם).

דאָס הייסט, אַז די דירה (בתחתונים) עצמה ווערט (ניט בטל במציאות, נאָר) אַ „צינור" אויף דעם גילוי פון „דבר ה' ממש" פון עצמותו ומהותו יתברך (דער „דייר") בעצמותו ומהותו: דורך דעם וואָס אַ איד לערנט תורה למטה באופן פון „תען לשוני אמרתך", ווערט ער אַ צינור אויף גילוי עצמותו ית', באופן כזה אַז די דירה עצמה (ד.ה. דער איד ווי ער שטייט בתחתונים) דריקט אויס און איז מגלה דעם דבר ה' ממש — „תען לשוני אמרתך", ביז ווי ער (דער איד) איז כביכול איין זאַך מיט דעם אויבערשטן — דער גילוי למטה פון „ישראל וקוב"ה כולא חד"[65].

און בכח זה — טוט דער איד אויף עד"ז אויך אין מציאות העולם, אַז מציאות התחתונים בעולם זיינען (ניט אַ דירה אַלס אַ מציאות בפ"ע פון דעם דייר שבתוכה, נאָר כל מציאותם איז אַז זיי זיינען) מגלה דעם דבר ה', ביז דעם גילוי כח העצמות וואָס געפינט זיך אין וועלט (וואָס הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'[66]).

דער טעם אויף דעם וואָס מ'דאַרף אָנקומען צוביידע דברות — אע"פ וואָס די דברות הראשונות (וואָס דער אויבערשטער אַליין זאָגט) זיינען שלא ב־ערך העכער פון די דברות האחרונות (שנאמרו ע"י משה) — ווייל דורך אמירת הדברות (האחרונות) דורך משה רבינו (באופן של „לאמר", ער זאָגט איבער „דבר ה' ממש"), ווערט אויפגעטאָן אַז אויך ווי אידן שטייען למטה בתחתונים — „אף כאן" — קענען זיי אויפנעמען (בגדרי התחתונים), און אויפטאָן דורך זייער לימוד התורה און עבודה למטה, דעם גילוי פון „וידבר אלקים גו'", דבר ה' ממש, וואָס איז געווען „להלן" (כאַ מ"ת).

דאָס הייסט, אַז דורך די דברות האחרונות (בפ' ואתחנן), ווערט נתגלה די שלימות המעלה פון די דברות הראשונות (בפ' יתרו) — דער גילוי פון „וידבר אלקים" אין דעם „לאמר" פון יעדער אידן (בתחתונים), אַז דער לימוד התורה פון אַ אידן בכל זמן ובכל מקום („כאן") איז „דבר ה' ממש שנאמר למשה מסיני", און דורך דעם ווערט אויפגעטאָן דער ענין פון „מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע", ווי ס'איז געווען באַ מ"ת ממש.

ט. ע"פ האמור לעיל קען מען אויך מבאר זיין דעם קשר מיטן זמן ווען מ'לייענט פרשת יתרו (בשנה זו) — בעשרים בחודש האחד עשר („עשתי עשר חודש הוא חודש שבט"[67]), וואָס איז אויך צען טעג נאָך יו"ד שבט, דער יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו. און שבת מיני' מתברכין כולהו יומין[68], די קומענדיקע טעג פון שבט, כולל — כ"ב שבט, דער יום ההילולא פון בתו של כ"ק מו"ח אדמו"ר:

דער חודש האחד עשר (שבט) איז פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון „אחד עשר יום מחורב"[69], וואָס גייט אויף ה־„מיוחד שבעשרה . . שהוא אחד שהוא

65) ראה זח"ג עג, א.

66) תניא אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

67) זכרי' א, ז.

68) זח"ב סג, ב. פח, א.

69) דברים א, ב.

ראש לכל הדברות, אנכי[70] ה' אלקיך"[71], ד.ה. אַז „אחד עשר יום מחורב" גייט אויף בחי' אחד עשר שלמעלה פון די עשרת הדברות שניתנו בחורב, ביז בחי' „אנת הוא חד ולא בחושבן"[72], די דרגא פון כתר שלמעלה מעשר ספירות, ביז עצמותו ומהותו ית' שלמעלה מכל סדר השתלשלות[73].

אין חודש האחד עשר עצמו איז דער יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר ביום עשירי שבו — ד.ה. ווי דער גילוי פון אחד עשר (בחודש) איז פאַרבונדן און ווערט נמשך אין בחי' עשר — סדר השתלשלות [נוסף אויף דעם וואָס אחד עשר מצ"ע איז כולל (כפשטות הענין) אויך די עשר שלפני זה], ובכללות — המשכת כחות המקיפים (כתר) אויך אין די עשר כחות פנימיים, ולמעלה יותר — המשכת עצמותו ית' אויך למטה אין תחתונים — ע"ד דער חיבור פון די דברות הראשונות ודברות האחרונות.

און דאָס קומט אַרויס באופן נעלה יותר אין דעם יום אחד עשר בחודש האחד עשר, וואָס דעמולט האָט מען דעם גילוי פון אחד עשר סיי מצד מספר החדשים און סיי מצד ימי החודש (כמדובר לעיל[74]). ויש לומר, וויבאַלד אַז דאָס קומט לאחרי הגילוי פון יום עשירי בחודש, האָט מען אין דעם אויך די מעלה פון די המשכה פנימית (עשר), און נאָך באופן פון מעלין בקודש[75], אַז מ'קומט דערפון צו אחד עשר יום בחודש האחד עשר.

ויש לומר, אַז דאָס איז ע"ד די מעלה וחידוש פון אמירת דברות הראשונות ע"י אלקים (בחי' אחד עשר), לאחרי ווי ס'איז געווען אויך די אמירת הדברות האחרונות ע"י משה (בחי' עשר[76]).

ובפרט ווען שבת פ' יתרו — ווען מ'לייענט די גאַנצע סדרה בתורה כולל פרשת עשרת הדברות — „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" — בברכה לפני' ולאחרי' (וואָס דעמולט איז „הקב"ה קורא ושונה כנגדו" ביתר שאת וביתר עוז, במכ"ש פון לימוד ענין זה בתורה בכל ימי השנה) — קומט אויס ביום עשרים בחודש האחד עשר, עשרים בגימטריא כתר[77], ד.ה. די דרגא פון אחד עשר (כתר) שבאחד עשר.

און דערפון קומט מען דערנאָך צו יום כ"א בחודש — „אך טוב לישראל"[78], אחד עשר יום פון עשירי בחודש האחד עשר, און דאָס איז דער ערב פון כ"ב בחודש (כפליים של אחד עשר — „בך יברך ישראל"[79], כנגד די כ"ב אותיות התורה דורך וועלכע עס ווערן נמשך[80] כל הענינים וכל הברכות אין אַ פנימיות (בך)[81].

י. ויש להוסיף דעם קשר אויך מיט פרשת משפטים (וואָס מ'הויבט אָן לייע-

---

70) פרשתנו כ, ב.

71) שמו"ר פמ"ב, ח.

72) תקו"ז בהקדמה (יז, א).

73) ראה בכ"ז בארוכה לעיל ח"א ע' 308 ואילך. ושי"נ.

74) לעיל שם ע' 317-8.

75) ברכות כח, א. ושי"נ.

76) ולהעיר דקומתו של משה עשר אמות (ברכות נד, ב. ושי"נ. וראה שבת צב, א).

77) לקו"ת שה"ש לה, ג. ובכ"מ. וראה ספר הערכים-חב"ד מערכת אותיות — אות כ' ס"ב (ע' סט ואילך). ושי"נ.

78) תהלים עג, א.

79) ויחי מח, כ.

80) ברכה מלשון המשכה (תו"א מקץ לז, ג. ובכ"מ).

81) הביאור בזה, והקשר עם שם הנפטרת („חי' מושקא", חיבור פנימי ומקיף) — נתבאר בה-התוועדות, ובשיחות כ"ב שבט (ראה לקמן ע' 344 ואילך).

נען בתפלת מנחה, און די פרשה פון די קומענדיקע טעג, כולל כ"ב שבט):

אויף „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם"[82] זאָגן חז"ל[83], „מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני". דאָס הייסט, אַז אויך די מצוות שכליות (משפטים[84]), וואָס זיינען פאַרבונדן מיט גדרי התחתו־נים, זיינען „מסיני", פון עצמותו ומהותו ית' („וידבר אלקים גו'"), פונקט ווי „ה־ראשונים מסיני" — ע"ד ווי „מה להלן באימה כו' אף כאן כו'".

און דאָס קומט אַרויס בגלוי באופן „ואלה" (מראה באצבעו ואומר זה[85], אלה), ביז באופן פון „תשים לפניהם", „אמר לו הקב"ה למשה לא תעלה על דעתך לומר אשנה להם הפרק וההלכה ב' או ג' פעמים כו' ואיני מטריח עצמי להבינם טעמי הדבר ופירושו"[86] — וב־פרט וויבאַלד אַז תורה איז בעצם למע־לה מהבנה והשגה[87] — „לכך נאמר אשר תשים לפניהם, כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם"[86], אַז אויך די „טעמי הדבר" („ופירושו") דאַרף ער געבן אידן אין אַ פנימיות („כשלחן הערוך ומוכן לאכול", וואָס דאָס ווערט דם ובשר כבשרו[88]).

ולהוסיף ע"פ פירוש הירושלמי[89] אין „תשים" — מלשון סימה ואוצר, אַז אויך די אוצרות שבתורה — פנימיות התורה, וואָס איז מצ"ע סתום וגנוז, און איז פאַרבונדן מיט סתים דקוב"ה[90], דאַרף אַרויסקומען אין אַן אופן פון „(תשים) לפניהם", לפנימיותם[91], בגילוי.

יא. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין דעם לימוד דערפון עתה, ובפרט — ב־זמננו זה, ווען מ'האַלט סמוך גלייך פאַר דער גאולה האמיתית והשלימה, כמדובר כמ"פ:

פון „מה להלן כו' אף כאן כו'" לערנט מען אָפּ, אַז בכל דור ודור ובכל זמן ומקום האָבן אידן בכח צו אויפטאָן דעם ענין פון „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר", פונקט ווי ס'איז געווען באַ מתן תורה בפעם הראשונה.

און דער כח אויף דעם נעמט מען פון דעם חיבור פון די דברות הראשונות (שהיו ע"י אלקים) און דברות האחרונות (שהיו ע"י משה), כמדובר לעיל בארוכה.

ועד"ז חזר'ט זיך עס איבער שטענדיק — כידוע אַז דער ענין פון מתן תורה איז דאָ שטענדיק, ווי מ'זאָגט אין ברכת התורה — „נותן התורה" לשון הוה. ועד"ז איז דאָ בכל דור ודור — דער משה שב־דורו, וועלכער גיט איבער דבר השם (תורה). איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז בכל דור ודור חזר'ט זיך איבער — און נאָך באופן נעלה יותר (לויט דעם כלל פון „מעלין בקודש") דעם חיבור פון די דברות הראשונות און דברות האחרונות, וועלכער גיט דעם כח אַז „מה להלן כו'

82) ר"פ משפטים.

83) מכילתא הובא בפרש"י עה"פ.

84) כידוע בענין ג' הסוגים משפטים עדות וחוקים — ראה רמב"ן ואתחנן ו, כ. סה"מ מלוקט ח"ב ע' נה. וש"נ.

85) ראה תענית בסופה. שמו"ר ספכ"ג. פרש"י בשלח טו, ב.

86) פרש"י ר"פ משפטים (ד"ה אשר תשים לפניהם).

87) ועפ"ז יש לומר דיוק הלשון „תעלה על דעתך", כי לדעת משה הי' עלי' בדעת, שטעמי התורה הם בעצם למעלה מהשגת האדם.

88) ראה תניא פ"ה.

89) ע"ז פ"ב סוף ה"ז ובפ"מ שם.

90) תו"א משפטים עה, ג. תו"ח שם תט, רע"א. ועוד.

91) ראה זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. ב"ר פנ"ו, ז.

אַף כאן" זאָל זיין דער גילוי פון „וידבר אלקים גו'".

על אחת כמה וכמה אין אונזער דור — וואו מ'זעט בגלוי אַז דער משה שבדורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, איז פאַרבונדן מיט דעם גילוי וחיבור פון עשר און אחד עשר, ביז אחד עשר שבאחד עשר (כנ"ל) — באַווייזט עס נאָכמער, אויף דעם פאַרבונד פון „אַף כאן" מיט „מה להלן" בדורו של משה רבינו.

און נאָכמער בהדגשה — וויבאַלד אַז אונזער דור איז דער דור האחרון אין גלות און דער דור הראשון לגאולה, ובפרט בזמן האחרון, כמדובר מערערע מאָל אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט און איצטער דאַרף נאָר זיין די גאולה בפועל — דער גילוי פון בחי' עשירי (שירה העשירית[92] וכו'), צוזאַמען מיט דעם גילוי פון בחי' אחד עשר, „אנת הוא חד", גילוי עצמותו יתברך למטה, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וועלכער איז פאַרבונדן מיט משה רבינו — „גואל ראשון הוא גואל אחרון"[93].

ובפרט ע"פ המדובר כמ"פ די ראשי תיבות בדרך אפשר פון „מיד" — משה, ישראל (הבעש"ט), דוד מלכא משיחא, ד.ה. אַז דער דור הראשון פון מתן תורה (דור משה) פאַרבינדט זיך מיט דעם דור האחרון (דהגאולה ע"י דוד מלכא משיחא), דורך גילוי החסידות פון דעם בעש"ט און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, וואָס לכשיפוצו מעינותיך חוצה „אתי מר" דא מלכא משיחא[94].

ויש לומר, אַז בהתאם צו דעם תוכן פון דעם וואָרט „מיד" (גלייך), דאַרף מען זאָגן אַז די דריי אותיות זיינען פאַרבונדן ניט מיט דריי באַזונדערע זמנים (משה בדורו, ישראל הבעש"ט בדורו, און דוד מלכא משיחא בדורו), נאָר זיי קומען אַלע צוזאַמען בסמיכות ממש[95] („מיד") בכל דור ודור ובכל זמן וזמן. כמרומז אויך אין דעם וואָס „מיד" איז אויך ר"ת „משה, יהושע, דורם", וואָס אַלע דריי זיינען געווען בדור אחד.

וכן יש לומר בנוגע לדורנו זה — אַז אין דעם זעלבן דור האָט מען דעם גילוי פון אַלע דריי — מ' (ר"ת משיח[96]), י' (ר"ת פון ביידע נעמען פון כ"ק מו"ח אדמו"ר) און ד' (דורם): צוזאַמען מיט דער משה שבדורנו (כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו), בחי' עשר (עשירי בשבט), כולל אויך דער גילוי תורת החסידות (די מעינות הבעש"ט) על ידו, האָט מען אויך דעם גילוי פון בחי' אחד עשר, „גואל ראשון הוא גואל אחרון", דוד מלכא משיחא.

ויש לומר אַז די דריי זיינען ע"ד ובדוגמת די דריי ענינים הנ"ל פון די דברות הראשונות (ע"י הקב"ה. ודוגמתו ע"י גילוי סתים ופנימיות התורה, אָנהויבנדיק דורך ישראל הבעש"ט), דברות האחרונות (ע"י משה), און דער חיבור ביניהם — פון עשר און אחד עשר, ווי ס'וועט זיין בשלימות דורך דעם גילוי פון „תורה חדשה מאתי תצא"[97] (בחי' אחד עשר יום מחורב, למעלה מעשרת הדברות שניתנו בחורב), פון עצמות

---

92) מכילתא בשלח טו, א.

93) ראה שמו"ר פ"ב, ד. שם, ו. זח"א רנג, א. ש' הפסוקים פ' ויחי. תו"א משפטים עה, ב.

94) אגה"ק הידועה דהבעש"ט — כש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

95) להעיר מהאופנים בחתימת הרמב"ם (פוסק ומורה נבוכים): באותיות נפרדות: באותיות מחוברות זל"ז.

96) להעיר שמנחם שמו (סנהדרין צח, ב).

97) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

ומהות (שלמעלה ממשה ממוצע המחבר), בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

יב. דער לימוד דערפון בנוגע ל־פועל פאַר כל אחד ואחת מישראל, אנשים נשים וטף, ובפרט פון דורנו זה:

שטייענדיק אין שבת פרשת יתרו, ווען מ'לייענט בתורה די פרשה פון מתן תורה, און קומענדיק פון עשירי בשבט (חודש האחד עשר), און גרייטנדיק זיך צו כ"ב שבט (כפליים של אחד עשר) — דאַרף יעדער איד נעמען די הוראה פון „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" וואָס איז געזאָגט געוואָרן בלשון נוכח ובלשון יחיד[98] („אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך גו'"), בכדי לערנען אַז דאָס איז אַ ציווי ולימוד צו עם, צו יעדער יחיד:

כשם ווי ס'איז געווען באַ מתן תורה, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס עס איז געווען אַן איין מאָליקער פאַסירונג, האָט עס אַ השפעה והמשך בכל הזמנים, באופן פון „מה להלן כו' אף כאן" — אַזוי דאַרף אויך זיין איצטער, ווען מ'לייענט די פרשה אין תורה, אַז מ'־דאַרף דערפון אַרויסנעמען החלטות טו־בות בנוגע לפועל בכל הימים והשבועות והחדשים שלאחרי זה, ובמיוחד — פאַר־בונדן מיט דעם ענין פון עשירי און פון אחד עשר (כנ"ל).

כשם ווי באַ מתן תורה האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַלע אידן באופן פון „ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד"[99] — אַזוי דאַרף אויך זיין אין דער עבודה פון אַ אידן, יעדער אידן, אַז ער דאַרף צוזאַמענקלייבן זיינע עשר כחות הנפש, און מאַכן פון זיי איין מציאות של „צבור" אויף דינען דעם אויבערשטן, סיי מיט זיינע עשר כחות פנימיים (די ג' מוחין און ז' מדות), און סיי מיט זיינע כחות מקיפים (בחי' אחד עשר), רצון ותענוג — „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"[100].

ולכל לראש — צו מוסיף זיין אין לימוד התורה „באימה וביראה וברתת ובזיע", וויסנדיק אַז ווען ער לערנט תורה איז דאָס לויט זיינע אייגענע עשר כחות הנפש, און אויך — זאָגט ער „דבר ה' ממש שנאמר למשה מסיני"[101]!

ועוד ועיקר: יעדערער זאָל אָננעמען אויף זיך צו משפיע זיין (אין די קומענ־דיקע נאָענטע טעג) אויף עכ"פ נאָך צען אידן בכל עניני תורה ומצוות, און טאָן אין דעם אויך — מיט אַלע כחות, די כחות פנימיים און די כחות מקיפים שלו.

וכאמור, אַז דאָס איז אַ הוראה לכל אחד ואחת מישראל פון אונזער דור, אנשים נשים וטף,

כולל ובמיוחד און אָנהויבנדיק פון די וואָס געפינען זיך איצטער דאָ אין דעם בית הכנסת ובית המדרש ובית מעשים טובים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, דער „מקדש מעט . . בית רבינו שבבבל"[102], וואָס ער איז דער „בית חיינו" פון אַלע אידן וואָס געפינען זיך במקום זה און פון אַלע אידן בכל הדור כולו, וואָרום „הנשיא הוא הכל"[103],

98) ילק"ש פרשתנו רמז קפו. מפדר"כ פ' בחודש השלישי. וראה פס"ר פכ"א. רמב"ן פרשתנו כ, א.

99) פרשתנו יט, ב ובפרש"י.

100) ואתחנן ו, ה.

101) ראה תר"א פרשתנו שם: יתבונן המשכיל ויפול עליו אימה ופחד בעסק התורה בשומו ללבו כי דבר ה' הוא ממש שנאמרו למשה מסיני.

102) מגילה כט, א. וראה בארוכה קונטרס בענין מקדש מעט זה כו' (לקמן ע' 465 ואילך).

103) פרש"י חוקת כא, כא.

פון אים ווערט נמשך השפעת החיות לכל הדור כולו בכל קצוי תבל, ובמילא איז מובן אַז זיין ביהכנ"ס וביהמ"ד ובית מע"ט איז „בית חיינו", ובפרט דורך זיין השפעה פון תורת חיים און מצוות (שעליהן נאמרו[104] „וחי בהם"), וואָס „הם חיינו ואורך ימינו"[105].

און דורך דעם וואָס די אידן וואָס געפינען זיך דאָ באַווייזן אַ דוגמא חי' ווי מ'דאַרף זיך פירן לויט די הוראות פון נשיא דורנו — ווערט נמשך די השפעה וחיות פון דעם בית [ובפרט אַז מ'איז איצטער מוסיף אין שיפורים ושי־פוצים פון דעם בית — וויפל ס'איז מעגליך אין עוה"ז התחתון] צו אידן ביז בכל קצוי תבל, ביז — לכל העולם כולו.

ועוד והוא העיקר — אַז תיכף ומיד ממש, קומט די גאולה האמיתית והשלי־מה בפועל ממש, און דער ביהכנ"ס ובי־המ"ד ובית מע"ט, צוזאַמען מיט אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות ובתי מע"ט זיינען עולה, צוזאַמען מיט אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[106], אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקו־דש, להר הקודש, ולבית המקדש השלי־שי והמשולש.

ותיכף ומיד ממש, מיט אַלע פירושים שבזה, אַנהויבנדיק פון דעם פירוש הפשוט — גלייך איצטער ממש.

---

104) אחרי יח, ה.

105) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת ערבית (ע"פ נצבים ל, כ).

106) בא י, ט.

משיחות ש"פ יתרו, כ"ף שבט, וליל ויום ב' פ' משפטים, כ"ב שבט ה'תשנ"ב

— בקשר עם יום היאָרצייט־הילולא הרביעי של הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע —

א. כ"ב בחודש איז פאַרבונדן מיט ברכה, ווי מרומז אין דעם מספר כ"ב — אותיות „בך", וואָס איז מרמז אויף „בך יברך ישראל"[1], דאָס הייסט אַז דאָס איז אַ טאָג וואָס פון אים, דורך אים און מיט אים ווערן אידן געבענטשט אין אַלע זייערע ענינים.

נאָכמער: דער (טאָג פון) „בך" אַליין איז אַ געבענטשטער, כמובן פון פשטות הפירוש (הכתוב) אין „בך יברך ישראל", אַז „בברכתם" (פון אפרים ומנשה) ווערן געבענטשט אַלע אידן, ועד"ז בנדו"ד, אַז דער טאָג (פון „בך") אַליין איז מבורך, און דערמיט „יברך ישראל", אַלע אידן. „בך" איז אַזאַ ברכה וואָס פון איר קומען אַרויס נאָך ברכות, נאָך אַ ברכה און נאָך אַ ברכה, עד אין קץ ו„עד סוף כל ה־עולם"[2] (כולל — דער סוף פון (עולם מלשון) העלם והסתר[3]).

ב. אַזוי איז אויך פאַרשטאַנדיק בנו־גע צו דעם טאָג פון יאָרצייט כ"ב שבט, אַז דאָס איז אַ יום ברכה, פון וועלכע עס ווערן געבענטשט אַלע אידן — „בך יברך ישראל":

באַ אידן איז אַ יאָרצייט פאַרבונדן מיט עלי'. ווי אונטערשטראָכן אין דעם מנהג פון אמירת קדיש ביום היאָרצייט, צוליב דער עלי' חדשה ועלי' שלא בערך וואָס קומט דעמולט צו אין דער נשמה[4].

הגם אַז דער יאָרצייט איז דער טאָג ווען ס'איז געווען די הסתלקות הנשמה מן הגוף, אַ העלם והסתר אויף דעם גילוי פון אַ נפש ישראל, „חלק אלוקה ממעל ממש"[5], אין דעם גוף — וואָס דאָס איז דאָך דער גרעסטער העלם וואָס קען זיין ר"ל — איז אָבער די כוונה אין דעם (ווי אין יעדער ירידה) אַז דאָס זאָל ברענגען נאָך אַ גרעסערע עלי', און בכל שנה (אין דעם יאָרצייט) קומט צו דערביי נאָך אַ העכערע עלי' (שלא בערך צו די עליות שלפני זה), אַן עלי' סיי פאַר דער נשמה, און סיי פאַר די וואָס געפינען זיך נשמות בגופים למטה (וועלכע האָבן געהאַט אַ קשר מיט דער נשמה)[6], אַז באַ זיי קומט צו נאָכמער אריכות ימים ושנים טובות, אָנגעפילט מיט תורה ומצוות און מעשים טובים.

ועוד ועיקר — די עלי' וואָס קומט אין דער גאולה האמיתית והשלימה, סיי

---

1) ויחי מח, כ.

2) ל' חז"ל — כתובות רפ"ט. זבחים לז, ב. ועוד.

3) ראה לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.

4) ראה לקו"ש חכ"ד ע' 329 ואילך. וש"נ. וראה גם ספר השיחות תשמ"ט ח"א ע' 176 ואילך.

5) תניא רפ"ב.

6) ראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (אגרות קודש שלו ח"ג ע' קמג ואילך), שע"י התפלה לעילוי נשמת כו', הנה בזה גורמים נחת רוח לנשמות העולות, ואשר בגלל זאת הנה נשמות כו' מעוררים רחמים בעד יוצאי חלציהם כו' להיות נמשך להם שפע ברכה בגשמיות וברוחניות. וראה שיחת ש"פ שמות תשמ"ט ס"ז; ש"פ יתרו, כ"ב שבט תשמ"ט סי"א (ס' השיחות ח"א ע' 182; ע' 235).

די עלי' פון דער נשמה – דורך „הקיצו ורננו שוכני עפר"[7], כידוע[8] אַז תכלית השלימות (אויך פון דער נשמה) איז דוקא נשמות בגופים בתחיית המתים, און סיי אין די אידן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער נשמה – כמ"ש „בלע המות לנצח ומחה ה' אלקים דמעה מעל כל פנים", ומובן אַז בשעת דער „ומחה . . דמעה" קומט דורך דעם אויבערשטן אַליין („ומחה ה' אלקים דמעה"), איז דאָס ניט בלויז מבטל די דמעה וואָס איז געווען פריער (כפשטות ענין המחי'), נאָר דורך דעם קומט צו אַ הוספה אין דער עלי', כמובן אויך פון דעם פירוש[9], אַז „דמעה" איז בגימטריא קי"ט, וואָס מיינט אַז עס פעלט איינער פון די ק"כ צירופי שם אלקים[11], און דורך „ומחה ה' אלקים דמעה" ווערט די שלימות פון ק"כ (די גימטריא פון „דמעה" עם הכולל) – „והיו ימיו מאה ועשרים שנה"[12], ווי ס'איז געווען באַ משה רבינו – „בן מאה ועשרים שנה אנכי היום"[13], „היום מלאו ימי ושנותי"[14], מילוי ושלימות פון ימים ושנים הן בגשמיות והן ברוחניות, און דער המשך בזה ביז – אין חיים נצחיים[15] בגאולה האמיתית והשלימה.

ג. דער ענין [די עלי' וואָס קומט דורך הסתלקות] איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין דעם יאָרצייט פון בתו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בכ"ב שבט, וואָס נוסף צו איר אייגענע זכות, האָט זי אויך דעם זכות פון איר פאָטער [ובפרט אַז אַ בת האָט אַ שייכות מיוחדת מיטן אבי[16]], און זי איז נתחנך געוואָרן דורך אים וכו':

דער נשיא הדור – נשיא מלשון התנשאות – הויבט אויף דעם גאַנצן דור, וואָרום „הנשיא הוא הכל"[17]. איז דערפון מובן בנוגע צו בתו, אַז אַלע אירע ענינים – כולל ובמיוחד איר הסתלקות – טוען אויף אַן עלי' אין אַלעמען.

ובפרט אַז איר יאָרצייט (בכ"ב שבט) קומט אויס אין דעם זעלבן חודש (שבט) ווי דער יאָרצייט פון איר פאָטער כ"ק מו"ח אדמו"ר (בעשירי בשבט), וואָס די עלי' והתנשאות פון נשיא דורנו שטייט בגלוי יותר אין דעם טאָג פון זיין יום ההילולא, כידוע[18] אַז דעמולט איז עולה „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו" און דאָס ווערט מתגלה למטה ביז אַז דאָס איז „פועל ישועות בקרב הארץ"[19].

ביז די שלימות העלי' והתנשאות – אין די נשמות למעלה און אין אַלע אידן למטה – בגאולה האמיתית והשלימה, כנ"ל.

ובפרט אַז אונזער דור איז דער לעצטער דור פון גלות און דער ערשט־

7) ישעי' כו, יט.

8) ראה בארוכה מכתב כ"ה אלול תש"נ (סה"ש תנש"א ח"ב ע' 864 ואילך). וש"נ.

9) ישעי' כה, ח. משנה סוף מו"ק. וראה גם סה"מ מלוקט ח"ב ע' רעז ואילך. וש"נ.

10) ראה מאורי אור מערכת דמעה (אות ד סעיף יז). לקו"ת צו יג, ריש ע"א. ספר הליקוטים דא"ח־צ"צ ערך דמעה. ועוד. וראה גם סה"ש תש"נ ח"א ע' 68 ואילך.

11) ראה תשובות וביאורים ס"י (ע' 23 ואילך). וש"נ.

12) בראשית ו, ג.

13) וילך לא, ב.

14) פרש"י עה"פ. מר"ה יא, א. וש"נ.

15) ראה סה"מ מלוקט שם ע' רפ. וש"נ.

16) ראה נדה לא, סע"א (הובא בפרש"י ר"פ תזריע). וראה „היום יום" כח אייר. וראה גם ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 273. תשמ"ט ח"א ע' 234.

17) פרש"י חוקת כא, כא.

18) תניא אגה"ק סכ"ז־כ"ח.

19) תהלים עד, יב.

ער דור פון גאולה — ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר דער בעל ההילולא האָט מכריז ומודיע געווען כמ"פ, אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט און איצטער דאַרף מען נאָר מקבל זיין משיח צדקנו בפועל ממש — במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויב בינתיים איז געווען אַן ענין של הסתלקות, ווי דאָס איז געווען בכ"ב שבט בארבע שנים לפני זה (שנת התשמ"ח), איז דאָס אַך ורק בכדי צו ברענגען די איינציקע עלי' וואָס איז נאָך געבליבן — די עלי' פון דער גאולה האמיתית והשלימה.

דערמיט איז מובן די ברכה אין דעם טאָג פון כ"ב שבט — „בך יברך ישראל" — די ברכות וואָס ווערן נמשך צו ישראל, צו יעדער איד און צו אַלע אידן, ובמיוחד — צו נשי ובנות ישראל, ובפרט דורך דעם וואָס זיי פירן זיך אויף לויט אירע אָנווייזונגען און לויט איר ביישפּיל. ברכות אין אַלע ענינים — סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ובגשמיות וברוחניות גם יחד, און אַזוינע ברכות, וואָס פון יעדע ברכה קומט אַרויס נאָך אַ ברכה און נאָך אַ ברכה עד אין קץ.

*

ד. וויבאַלד אַז דער יאָרצייט פון כ"ב שבט איז פאַרבונדן מיט כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (אבי הנפטרת), ובפרט (כנ"ל) אַז דאָס איז אין דעם זעלבן חודש (שבט) ווי דער יום ההילולא שלו (ווען „כל מעשיו ותורתו ועבודתו" שטייט בגלוי) — איז פאַרשטאַנדיק אַז דער טאָג האָט אַ קשר מיט כללות עבודתו פון נשיא דורנו און (במילא) פון כל הדור כולו (וואָרום „הנשיא הוא הכל" און „בתר רישא גופא אזיל"[20]).

צוזאַמען דערמיט איז מובן, היות אַז די הסתלקות פון כ"ב שבט איז געווען כו"כ שנים נאָך דער הסתלקות פון איר פאָטער, כ"ק מו"ח אדמו"ר, און דאָס קומט אויס אין אַן אַנדער, שפּעטערדיקן, טאָג אין חודש ווי דער יום ההילולא פון יו"ד שבט — האָט עס אין זיך אַן ענין מיוחד, בהמשך ובהוספה ליום ההילולא שלו.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם מספר החודש (שבט) — חודש האחד עשר, און אין דעם מספר היום בחודש — כ"ב (שבט), וואָס קומט ב־המשך ובהוספה צו עשירי בחודש, דער יום ההילולא פון נשיא דורנו, כדלקמן.

און דערפון דאַרף מען אַרויסנעמען אַ לימוד אין דער עבודה פון אונזער דור במיוחד — זייענדיק דער דור פון נשיא דורנו (וואָס „הנשיא הוא הכל"), ובמיוחד — אַ לימוד בנוגע צו דער עבודה פון נשי ובנות ישראל, זייענדיק פאַרבונדן מיט דעם יאָרצייט פון בתו של נשיא דורנו,

ובפרט אַז בימים אלו — בסמיכות צו כ"ב שבט — קומט פאָר דער כינוס ה־שלוחות העולמי (און סיומו איז אין דעם טאָג פון כ"ב שבט), וכדלקמן.

ה. ווען מען דאָס פאַרשטיין לויט דעם וואָס עס האָט זיך פריער גע־רעדט[21] אין פרשת השבוע (יתרו), פרשת מתן תורה, וועגן די צוויי אופנים אין די עשרת הדברות — די „דברות הראשונות" וואָס ווערן געזאָגט דורך דעם אויבערשטן („וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר"[22]) און די „דברות האחרו־

20) עירובין מא, א.

21) לעיל ע' 331 ואילך. וש"נ.

22) פרשתנו (יתרו) כ, א.

נות" שנאמרו ע"י משה רבינו (אין משנה תורה[23]):

„וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר" באַ מתן תורה האָט מען געגעבן דעם כח אידן צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים[24] — אַז אין תחתונים זאָל זיין דער גילוי פון עצמותו ית' ב־עצמותו ומהותו.

אויף דעם פאָדערן זיך צוויי ענינים: (א) דער גילוי פון עצמותו ית', און (ב) די המשכה אין תחתונים [ובפרטיות יותר: (א) אַ דירה לו יתברך (אָבער כביכול ניט הוא יתברך עצמו), און (ב) דער גילוי פון עצמות אַליין, „וידבר אלקים גו'"]. און דעריבער האָבן די עשרת הדברות געהאַט ביידע מעלות: די „דברות הראשונות" שנאמרו ע"י הקב"ה גיבן דעם כח צו אויפטאָן די המשכה פון עצמותו ית', און די „דברות האחרו־נות" שנאמרו ע"י משה גיבן דעם כח דאָס צו ממשיך זיין אין תחתונים מצד ענינם הם (ניט דורך ביטול מציאותם מצד דעם תוקף הגילוי מלמעלה).

ועד"ז אין די „דברות הראשונות" עצ־מן זיינען געווען ע"ד די ביידע ענינים: (א) דער גילוי פון אחד עשר („מיוחד שבעשרה . . שהוא אחד שהוא ראש לכל הדברות, אנכי[25] ה' אלקיך"[26], בחי' „אנת הוא חד ולא בחושבן"[27], בחינת פנימיות הכתר ביז עצמותו ומהותו ית' שלמעלה מעשר ספירות, און (ב) דער גילוי איז נמשך געוואָרן אין די עשרת הדברות (כולל ווי אנכי איז איינער פון די עשרה), ווי תורה איז פאַרבונדן מיט סדר השתלשלות וועלכער שטעלט זיך אויס אין מספר עשרה (עשר ספירות, עשרה מאמרות[28]). ביז אַז דאָס האָט אויך גע'פועל'ט אין סדר השתלשלות עצמו, ביז אין עולם הזה התחתון (כדברי חז"ל[29] אַז דער קול פון „אנכי הוי'" איז געקומען פון אַלע ד' רוחות העולם און שמים וארץ, ו„צפור לא צווח עוף לא פרח שור לא געה כו'"[30]).

באַ מתן תורה איז אָבער דער גילוי פון „וידבר אלקים גו'" געווען מצד ל־מעלה („ואני המתחיל שנאמר[31] וירד הוי' על הר סיני"[32], „וידבר אלקים גו'"), און דעריבער איז דער גילוי בתחתונים גע־ווען נאָר לפי שעה [און „במשוך היובל" (ווען ס'איז נסתלק געוואָרן די שכינה פון הר סיני) איז „המה יעלו בהר"[33], ווייל דער הר סיני איז געבליבן ווי פריער], ובאופן אַז דאָס האָט גע'פועל'ט ביטול מציאות התחתון („פרחה נשמ־תן"[34], ועד"ז צפור לא צווח כו') — ווייל דער תחתון (בחי' עשר) מצד ענינו הוא — האָט ניט געקענט אויפנעמען (בשלי־מות) דעם גילוי פון „וידבר אלקים גו'" (בחי' אחד עשר);

מ'האָט דעמולט באַקומען דעם כח צו ממשיך זיין אחד עשר אויך אין דעם עשר, אָבער בגלוי (למטה) איז געבליבן (בעיקר) דער גילוי פון בחי' עשר (פון סדר השתלשלות) — די עשרת הדברות,

---

23) ואתחנן ה, ו ואילך.

24) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

25) פרשתנו כ, ב.

26) שמו"ר פמ"ב, ח.

27) תקו"ז בהקדמה (יז, א).

28) אבות רפ"ה.

29) תנחומא שמות כה. שמו"ר פ"ה, ט. הובא בפרש"י פרשתנו כ, ב. וראה תניא פל"ו (מו, א).

30) שמו"ר פרשתנו ספכ"ט.

31) פרשתנו יט, כ.

32) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

33) פרשתנו שם, יג.

34) ראה שבת פח, ב. שהש"ר פ"ה, טז [ג]. ועוד.

משא"כ דער גילוי פון אחד עשר („וידבר אלקים גו'") איז דערנאָך נתעלם געוואָרן (און מ'האָט געהערט דברי תורה מפי משה רבינו), בכדי אַז אויך די תחתונים מצד ענינם הם — זאָלן דאָס קענען אויפנעמען.

די שלימות הכוונה איז, אַז אידן דורך זייער עבודה בכח עצמם (ניט דורך דעם גילוי מלמעלה פון „וידבר אלקים גו'") — געפינענדיק זיך בהתלבשות אין תחתונים („אזלת לקרתא הלך בני־מוסי"[35]) — זאָלן ממשיך זיין דעם גילוי פון אחד עשר אין עשר, דורך איבער־מאַכן די תחתונים (עשר) אַז זיי זאָלן זיין אַ כלי מוכשר צו מקבל זיין דעם גילוי פון „אחד עשר", על ידי זה וואָס זיי לערנען תורה מיט זייער כח הדיבור הגשמי באופן פון „תען לשוני אמרתך"[36] („לאמר" דעם דבר ה' ממש[37]) און טוען זייער עבודה אין וועלט באופן אַז די תחתונים אַליין ווערן אַ כלי ודירה לו יתברך. וואָס דעמולט ווערט נמשך דער גילוי פון אחד עשר אין עשר באופן של קביעות ונצחיות — ווי עס וועט זיין ב־שלימות הגילוי בגאולה האמיתית וה־שלימה — וואָרום דאָס קומט (ניט מצד אַ כח למעלה, נאָר) דורך די תחתונים מצד ענינם וגדרם הם.

ו. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם אויפטו פון דורנו זה — דער דור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו:

מ'האָט גערעדט מערערע מאָל דעם געוואַלדיקן חידוש ועילוי פון דעם דור — דער לעצטער דור פון גלות און דער ערשטער דור פון גאולה (כנ"ל ס"ב) — אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם גמר וסיום פון „מעשינו ועבודתינו"[38] פון אידן במשך כל הדורות שלפני זה, צו פאַרענדיקן די לעצטע בירורים אין גלות, ובלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר[39] — „צופוצן די קנעפלעך"; אונזער עבודה באַשטייט אין ברענגען די גאולה בפועל פאַר דעם דור און פאַר אַלע דורות ש־לפני זה!

דאָס הייסט, אַז אין דעם דור איז מען מסיים מעשינו ועבודתינו פון אידן ב־משך כל הדורות צו ממשיך זיין (דורך עבודת התחתון) דעם גילוי פון בחי' אחד עשר אין עשר, אַז די תחתונים (בחי' עשר) מצד גדרם הם זאָלן זיין גרייט און מוכשר צו מקבל זיין דעם גילוי פון עצמותו יתברך (אחד עשר).

ויש לומר אַז דאָס איז מרומז אין דעם יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (ווען „כל מעשיו ותורתו ועבודתו" שטייט בגלוי ובשלימות) — יום העשירי בחודש האחד עשר: דער גילוי אור (יום[40]) פון עשירי איז פאַרבונדן און קומט צוזאַמען מיט דעם (חודש מלשון) חידוש[41] פון אחד עשר (שלמעלה מסדר השתלשלות). דער (חודש מלשון) חידוש פון אחד עשר ווערט נמשך אין דעם גילוי אור (יום) פון עשירי.

ז. אין דעם דור פון נשיא דורנו גופא זיינען פאַראַן עטלעכע שלבים ותקופות, ובכללות — דריי שלבים: (א) יום עשירי לחודש אחד עשר (יו"ד שבט

35) שמו"ר פמ"ז, ה. ועוד.
36) תהלים קיט, קעד.
37) תו"א פרשתנו סז, ב.

38) תניא רפל"ז.
39) שיחת שמח"ת תרפ"ט.
40) כמ"ש (בראשית א, ה) „ויקרא אלקים לאור יום".
41) ראה ראב"ע בא יב, ד. ס' השרשים לר' יונה בן ג'נאח ולהרד"ק ערך חדש.

ת"ש יו"ד) — דער סיום התקופה פון עבודת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בחיים חיותו בעלמא דין. (ב) דער יום למחרתו — יום אחד עשר לחודש אחד עשר (דער ערשטער גאַנצער טאָג ל־אחרי ההסתלקות), ובמיוחד בשנת עשתי עשר (תשי"א)[42] — ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער המשך וחידוש פון אַ נייער תקופה ו„נתלו המאורות"[43] פון דעם דור השביעי פון אַלטן רבי'ן (אָדער דור התשיעי פון בעש"ט). (ג) די תקופה נאָך דער הסתלקות פון בתו של כ"ק מו"ח אדמו"ר ביום כ"ב לחודש אחד עשר (כ"ב שבט תשמ"ח).

ויש לומר, אַז די דריי תקופות באַדייטן בכללות דריי דרגות אין דעם סיום העבודה פון לעשות לו יתברך דירה בתחתונים, המשכת בחי' אחד עשר אין בחי' עשר (וואָרום בכדי אַז דאָס זאָל זיין בגדרי התחתונים דאַרף די עבודה זיין דרגא אחר דרגא מלמטה למעלה):

(א) די עבודה — ביז דעם סיום ושלימות העבודה — אין עולם, בדרגת „עשר", בכדי צוגרייטן דעם עולם צו אויפנעמען דעם גילוי פון „אחד עשר" (אלקות שלמעלה מעולם), און ער זאָל ניט נתבטל ווערן ממציאותו (ווי ס'איז געווען בײַ מתן תורה). אָבער אין דעם איז בעיקר בהדגשה ובגלוי דער ענין פון „עשר", נאָר אין „עשר" גופא — ווי ער ווערט אַ כלי צו „אחד עשר". ובאופן אַז ס'איז נאָך אַלץ ניכר אַן אונטערשייד צווישן „עשר" און „אחד עשר", מהאי טעמא גופא וואָס דאָס דאַרף זיין בגדרי התחתונים און די תחתונים שטייען נאָך אין אַ דרגא פון „עשר" (און ניט „אחד עשר").

(ב) דער גילוי פון „אחד עשר" עצמו, ביז אַז „עשר" ווערט נתעלה אין „אחד עשר". ד.ה. אַז „אחד עשר" פועל'ט אויך אין „עשר", אָבער בעיקר הערט זיך דער גילוי פון „אחד עשר" (און „עשר" איז נכלל און ווערט אַ טייל פון „אחד עשר").

(ג) שלימות החיבור והיחוד פון „עשר" (מצד ענינו הוא) און „אחד עשר" (מצד ענינו הוא), אַז תחתונים מצד ענינם הם ווערן אַ דירה לו יתברך, לעצמותו ית'[44]. צוזאַמען דערמיט וואָס דאָס איז אַ דירה לו יתברך (אָבער נאָך אַלץ אַ באַזונדער זאַך כביכול פון דעם דייר עצמו, בלייבנדיק בדרגת עשר באַזונדער פון אחד עשר) — ווערט די דירה בתחתונים איין זאַך מיט דעם דייר, ובלשון הידוע[45]: דער יש הנברא איז (איין זאַך מיט דעם) יש האמיתי[46].

---

42) ראה סה"ש תשנ"ג ח"א ע' 255 הערה 99.

43) ראה לעיל ח"א ע' 293־5.

44) ראה סה"מ תקס"ה ח"א ע' תפט. הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רמא הערה 32.

45) ביאורי הזהר (לאדהאמ"צ) בשלח מג, ג ואילך. וראה ד"ה ולקחתם לכם תרס"א (ע' קצז).

46) ע"ד החידוש ד„אין עוד מלבדו" (ואתחנן ד, לה) לגבי „אין עוד" (ואתחנן שם, לט), ש„אין עוד" שולל לגמרי מציאות הנבראים, שאין „שום מציאות כלל" (ד"ה ולקחתם שם), היינו, ביטול הנבראים לגבי בחי' אחד עשר, משא"כ „אין עוד מלבדו" פירושו ש(רק) בלעדו „אין עוד" אבל „עמו" ישנה מציאות (ראה גם לקו"ש חכ"ה ע' 202 הערה 86). ואולי יש לומר גם באופן אחר: „אין עוד מלבדו" מורה שיש (עמו) „עוד" מציאות, היינו שעדיין ישנו חילוק בין „עשר" ו„אחד עשר". ולמעלה מזה הוא „אין עוד" שמורה על התאחדות גמורה בין מציאות (העולם) ועצמותו ית' („עשר" ו„אחד עשר"), כך ש„אין עוד" מציאות (אפילו „עמו").

ויש לומר אַז די צוויי לעצטע ענינים זיינען כנגד צוויי דרגות אין „אחד עשר" גופא: אחד עשר וואָס איז נאָך בערך ושייך צו עשר (און דעריבער האָט „אחד עשר" די פעולה אויף דרגת עשר צי אין אַן אופן פון ביטול (ווי ס'איז געווען בא מ"ת), אָדער אין אַן אופן אַז עשר מצ"ע בלייבט סו"ס אַ באַזונדער מציאות פון אחד עשר); און אחד עשר וואָס איז מרמז אויף עצמותו ית' — „אנת הוא חד ולא בחושבן" — וואָס ער איז שלא בערך לגמרי צו עשר און צו אחד עשר, און דעריבער האָט ער בכח זיי ביידן צו מחבר און מאחד זיין בשלימות.

ח. ועפ"ז יש לומר דעם חילוק צווישן די דריי תקופות הנ"ל:

יום העשירי בחודש האחד עשר גייט אויף דעם סיום וגמר העבודה פון מברר זיין די לעצטע „שיריים" פון גלות, „צופוצן די קנעפּלעך". ובסגנון האמור: דער גמר ושלימות העבודה במשך ה־דורות צו ממשיך זיין „אחד עשר" אין „עשר", אָבער באופן אַז עס זיינען נאָך אַלץ דאָ צוויי באַזונדערע ענינים (מצד גדרי התחתונים): עשירי מצד הימים און אחד עשר מצד החדשים — ווייל די דרגא פון אחד עשר („וידבר אלקים גו'" שלמעלה מעולם) האָט נאָך ניט אינגאַנצן דורכגענומען עולם (עשר), במילא האָט מען טאַקע דעם חידוש (חודש) פון אחד עשר, אָבער די עבודה גלוי' (מצד הימים, ענין האור והגילוי[46]) באַשטייט נאָך אין דער דרגא פון עשר [כמבואר במ"א[47] אַז דער תוכן העבודה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בחיים חיותו בעלמא דין איז באַשטאַנען פון דעם גילוי פון עשירי].

דער יום למחרתו — יום אחד עשר לחודש אחד עשר — באַדייט אַז נוסף און נאָך דער עבודה פון יום עשירי בחודש אחד עשר, דערגרייכט מען און מען ווערט נתעלה (לויט דעם כלל פון „מעלין בקודש"[48]) אויך צו דעם גילוי (יום) פון אחד עשר, ובאופן כזה אַז דאָס הויבט אויף אויך דעם גילוי פון יום העשירי צו דער דרגא פון „אחד עשר יום"[49]. מ'האָט דעמולט אחד עשר, הן מצד דעם חודש (חודש אחד עשר) און הן מצד דעם יום וגילוי (יום אחד עשר)[50], אחד עשר סיי ווי דאָס ווערט נמשך צום מקבל (לבנה, חודש), און סיי ווי דאָס איז מצד המשפיע (חמה, יום)[51]. אָבער דאָס איז אַלץ אַ דרגא פון אחד עשר וואָס איז שייך ובערך צו עשר.

אין דעם גופא קומט מען דערנאָך צו נאָך אַ העכערע דרגא — אַז מ'האַלט שוין נאָך דעם סיום העבודה פון אַלע בירורים, און מ'האָט שוין אויך „צוגע־

47) ס' השיחות תשנ"ב ח"א ע' 235 ואילך.

48) ברכות כח, א. ושנ"נ.

49) ל' הכתוב — דברים א, ב.

50) ולהעיר מהשייכות דחודש האחד עשר ל„ביום עשתי עשר יום (לחודש הראשון) נשיא לבני אשר" (נשא ז, עב) [להדעות שהשייכות דהנשיאים לחדשי השנה היא כסדרם בחנוכת המשכן (קהלת יעקב ערך אות יו"ד ערך י"ב חדשים וי"ב שבטים. ובאות ש' ערך שבט. בני יששכר מאמרי חודש שבט מאמר א' בסופו)]. ויש לומר, שיום אחד עשר בחודש ה־ראשון (ניסן) קשור עם התחלת הגילוי — „הלידה" — של בחי' אחד עשר (וראה שיחת שבת הגדול ערב י"א ניסן תשמ"ט (סה"ש ח"ב ע' 389 ואילך)), כידוע שבחודש ניסן היתה לידת עם ישראל (ראה יחזקאל טז. וראה תו"א ר"פ וארא. תו"ח שם צו, ב ואילך. סהמ"צ להצ"צ עז, סע"ב ואילך. ועוד); ויום אחד עשר בחודש אחד עשר קשור עם שלימות הגילוי של אחד עשר, באופן של נשיאות בגלוי.

51) ראה לעיל ח"א ע' 317־19.

פוצט די קנעפלעך" וכו', און מ'דאַרף נאָר שטיין גרייט צו מקבל זיין משיח צדקנו — די שלימות פון אחד עשר (אינ־גאַנצן שלא בערך צו עשר), וואָס טוט אויף דעם חיבור ואיחוד פון עשר (מצד ענינו הוא) און אחד עשר (מצד ענינו הוא) — כמרומז אין כ"ב שבט:

כ"ב איז אחד עשר בכפליים (אחד עשר יום פון דעם יום האחד עשר בחודש האחד עשר). דאָס הייסט אַז אין ימי החודש עצמם — האָט מען צוויי מאָל אחד עשר (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז בחודש אחד עשר). ויש לומר אַז דאָס באַדייט תכלית השלימות פון אחד עשר (התאחדות עשר מיט אחד עשר), אַז אויך בדרגת הגילויים ובדרגת המשפיע (יום) האָט מען סיי אחד עשר ווי דאָס הויבט אויף דעם עשר (תחתונים), און סיי אחד עשר מצד עצמו, מצד עצם המשפיע — אחד עשר בטהרתו ממש, מצד עצמותו יתברך, און — חיבור שני־הם יחד.

ד.ה. אַז לאחרי ווי מ'האָט די שלימות פון עשר און אחד עשר (בחודש האחד עשר), די שלימות העבודה פון אידן למטה צו ממשיך זיין בחי' אחד עשר אין די עשרת הדברות (שניתנו מלמעלה באַ מתן תורה), קומט צו אַ צווייטן מאָל „אחד עשר יום מחורב"[51] — דער גילוי פון „בך" כנגד די כ"ב אותיות התורה[52].

ויש לומר אַז דאָס באַדייט די דרגא עליונה שבתורה ווי זי איז פאַרבונדן מיט אחד עשר, און אחד עשר בכפליים (וואָס איז נאָך העכער פאַר אחד עשר אַליין), שלמעלה פון תורה ווי זי שטעלט זיך אויס אין עשרה (עשרת הדברות) — תורה ווי זי איז איין זאַך מיט עצמותו יתברך, „אורייתא וקוב"ה כולא חד"[53], כמרומז אין דעם מספר כ"ב אותיות „בך" — וואָס גייט אויף דעם אויבערשטן („בך בהקב"ה"[54]), עצמותו ית', בך ב־עצמותך[55],

וואָס דורך די כ"ב אותיות התורה ווערט אַ איד פאַראייניקט מיט „בך", עצמות א"ס ב"ה[56]. און דאָס ווערט נמשך אין אַלע זיינע ענינים ופרטים (וועלכע שטעלן זיך אויס בבחי' עשר, עשר כחות הנפש וכו') באופן פון „בך יברך ישר־אל", אַז ישראל (יעדער איד און אַלע אידן) ווערט געבענטשט מיט אַלע ברכות — פון „בך", בעצמותך.

ט. ויש לומר אַז דאָס איז אויך מ־רומז אין שם הנפטרת — „חי' מושקא":

„חי'" (מלשון חיים) איז מרמז און גייט אויף כללות חיי הנשמה (חלק אלוקה ממעל ממש), וואָס ווערט נמשך פון מקור החיים בעצמותו ית'.

אין חיות (הנשמה) גופא זיינען פאַראַן בכללות צוויי דרגות[57]: (א) חיות פרטי (פנימי) — אור וחיות הנשמה וואָס איז זיך מתלבש באופן פנימי ופרטי אין דעם

---

52) ראה שהשי"ר פ"א, ד (קרוב לסופו): בך בכ"ב אותיות שכתבת לנו בתורה, ב' תרין כ' עשרין, הרי בך.

53) תניא פ"ד ורפכ"ג בשם הזהר. וראה זהר ח"א כד, א. ח"ב ס, א. תקו"ז ת"ו (כא, ב). תכ"ב (סד, א). לקו"ת נצבים מו, ב. ועוד.

54) שהשי"ר שם.

55) ראה אוה"ת (כרך ד) דרושים לסוכות ע' א'תשס. סה"מ תש"א ע' 94. תרפ"ח (תש"ח) ע' קסה (ע' 250). מלוקט ח"ג ע' רטו. וראה תו"א בשלח סד, סע"ב. שער האמונה ספנ"ז (צ, א). מאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"א ע' שפד.

56) ראה סה"מ תרפ"ח (תש"ח) ותש"א שבהערה הקודמת.

57) ראה המשך ר"ה תרס"ג (ע' ב ואילך), תש"ח (ע' ד ואילך). סה"מ ת"ש ע' 31 ואילך.

גוף (און אין די כחות פנימיים), און (ב) חיות כללי (מקיף הנשמה) — וואָס איז למעלה מהתלבשות (באופן פנימי) אין דעם גוף (ובכללות — דריקט זיך עס אויס אין די כחות מקיפים, רצון ותענוג).

ויש לומר אַז די צוויי ענינים זיינען מרומז אין די צוויי נעמען „חי' מושקא": „חי'" גייט (בעיקר) אויף די חיות פנימי, וועלכע באַלעבט דעם גוף בדרך התלבשות פנימית. און „מושקא" — וואָס איז אַ מין ריח בשמים[58] (ומברכין עליו בורא מיני בשמים[59]), ולכמה דיעות[60] איז דאָס איינער פון די י"א סממני הקטורת (מור) — גייט אויף מקיף הנשמה, כידוע אַז ריח איז אַן ענין של מקיף (ניט ווי אַ מאכל וואָס מ'איז טועם און עס גייט אַריין בפנימיות און ווערט דם ובשר כבשרו[61]), און ריח איז משיב את הנפש[62] [וואָס דערפאַר מאַכט מען „בורא מיני בשמים" במוצאי שבת, „כדי להשיב את הנפש שהיא דואבת ליציאת השבת בשביל הנשמה יתירה שהלכה כו'"[63]], וואָרום ריח (וואָס דערגרייכט אין מקיף הנשמה) האָט בכח צו ממשיך זיין אַ חיות חדש אין דעם גוף[64]. ביז נאָכמער — הנשמה נהנית מן הריח[65].

ובכללות — אין די חמשה[66] שמות ש־נקראו לה (להנשמה), נפש רוח נשמה חי' יחידה[67] — גייט „חי'" אויף נר"נ (פני־מיות), און „מושקא" (ריח) גייט אויף חי' יחידה (מקיפים). ובפרטיות יש לומר — אַז „חי'" גייט אויף חי' שבנשמה (מקיף הקרוב אל הפנימי), און „מושקא" — יחי־דה[68] (מקיף דמקיף, נשמה לנשמה). ביז — אויף עצם הנשמה (שלמעלה מה־(חמשה) שמות שנקראו לה[69]), וואָס פון דאָרטן בעצם איז ריח ממשיך אַ חיות חדש (און הנאה ותענוג) אין נפש ה־אדם[70].

און בשעת די צוויי ווערטער („חי' מושקא") קומען צוזאַמען אַלס איין נאָמען פון איין מענטשן, באַדייט עס דעם חיבור ואיחוד פוןביידע ענינים צוזאַמען — אַז דער גילוי פון מקיף ועצם הנשמה (אחד עשר, כנגד די י"א סממני הקטורת) ווערט נמשך ונתלבש

58) ראה סה"ש תשנ"ג ח"א ע' 297 הערה 97.

59) ברכות מג, א. וגירסת הרי"ף ורבינו יונה ברכות שם: ממושקא.

60) רמב"ם הל' ברכות רפ"ט. הל' כלי המקדש פ"א ה"ג. ראב"ע תשא ל, כג. ועוד — נסמן בסה"ש שם. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סרצ"ז ס"ג.

61) תניא פ"ה (ט, ב).

62) ראה תו"א תולדות כ, רע"ד. שם (בהוספות) קיז, ב. הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' רטז הערה 52.

63) רשב"ם ותוס' פסחים קב, סע"ב. תוד"ה כי — ביצה לג, ב. שו"ת הרשב"א ח"ג סר"צ. שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס רצז [ושם, „טוב להניח חתיכת מור בתוך מיני ריחות שמברכים עליהם בורא מיני בשמים (בהבדלה במוצש"ק) כו'"]. ועוד. — וראה לקו"ש חל"א ע' 191 ואילך. ושי"נ.

64) ראה בכל זה (החילוק בין מאכל וריח, קרבנות וקטורת, ריח המאכל וריח בעצם) — עטרת ראש שער יוהכ"פ בסופו. שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פ"ג ופכ"ה. ד"ה והוא כחתן תרנ"ז פ"א (ע' קסב) ואילך. ד"ה ביום השמע"צ וד"ה וירח ה' עדר"ת (המשך תער"ב ח"א פר"ג ואילך). לקו"ש ח"ה ע' 402. ועוד.

65) ברכות מג, ב.

66) ולהעיר שהר"ת של שם הנפטרת (חי' מושקא שניאורסאהן) הוא „חמש". וראה גם ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 274.

67) ב"ר פי"ד, ט. דב"ר פ"ב, לז. וראה ע"ח שער דרושי אבי"ע פ"א. שער הגלגולים בתחלתו. ועוד.

68) ראה אוה"ת חנוכה (כרך ה) תתקסב, א.

69) ראה סה"מ תרצ"ז ס"ע 56. ושי"נ.

70) ראה ד"ה והוא כחתן שם. המשך תער"ב שם פרי"ג. פרי"ח.

(ניט נאָר באופן מקיף, ווי דאָס איז דורך ריח אַליין, נאָר אויך) באופן פנימי אין דעם גוף און אין די עשר כחות פנימיים.

ויש לומר, אַז דאָס קומט פון בחי' יחידה שבנשמה ווי זי איז איין זאַך מיט דעם יחיד שלמעלה — "יחידה לייחדך"[71], און נאָכמער — פון עצם הנשמה ("לה") ווי זי איז איין זאַך מיט עצמותו יתברך, "ישראל וקוב"ה כולא חד"[72] — וואָס ער איז העכער סיי פאַר מקיפים און סיי פאַר פנימיים, דעריבער האָט ער בכח זיי צו מחבר ומאחד זיין, אַלע חמשה שמות יחד בגלוי.

און דאָס ווערט אויפגעטאָן בגלוי דורך תורה (כידוע[73] אַז דורך אורייתא ווערט נתגלה ווי "ישראל וקוב"ה כולא חד"), וואָס אויך אין תורה זיינען פאַראַן די צוויי דרגות און חיבור שניהם [ע"ד די צוויי דרגות אין תורה פון עשרת הדברות און אחד עשר (אנכי, "מיוחד שבעשרה"), און די כ"ב אותיות התורה וואָס איז זיי ביידן מחבר]: נגלה דתורה — חיות (פנימי), און פנימיות התורה — ריח[74] (מקיף), "סוד טעמי' ומסתר צפונותי'"[75], וואָס גליא דאורייתא פאַרבינדט גליא דנשמה מיט גליא דקוב"ה און סתים דאורייתא פאַרבינדט סתים דנשמה מיט סתים דקוב"ה[76]; און דורך חיבור שניהם יחד ("חי' מושקא") — בכח העצם (שלמעלה מסתים וגליא) — ווערן זיי איין זאַך בגלוי, אַז אויך סתים דתורה וסתים דנשמה וסתים דקוב"ה — ביז עצמותו ומהותו ית' — קומט בגלוי ממש, אין גליא דקוב"ה, גליא דתורה און גליא דנשמה,

[ובלשון הכתוב בריש פ' משפטים — "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", אַז אויך "תשים" מלשון סימה (ואוצר)[77] שבתורה — פנימיות התורה (וועלכע איז מצ"ע סתום וגנוז) שטייט באופן גלוי ("ואלה"), ביז באופן פון "לפניהם", לפנימיותם[78], "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם"[79]].

י. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם כח וואָס מ'האָט צו אויפטאָן דעם חידוש וואָס איז צוגעקומען נאָך כ"ב שבט — אַז אויך די וועלט (עשר) זאָל זיין מוכן ומוכשר צו מקבל זיין דעם גילוי פון אחד עשר (שלמעלה מעולם), אַ דירה לו יתברך בתחתונים בתכלית השלימות, בגאולה האמיתית והשלימה:

דורך דעם וואָס דער עצם הנשמה פון אַ אידן (וואָס איז "כולא חד" מיט עצמותו ית') שטייט בגלוי אין זיינע עשר כחות הנפש פנימיים (כמרומז אין שם הנפטרת, נוסף צו דעם רמז אין דעם מספר היום — כ"ב לחודש אחד עשר, כנ"ל ס"ח), גיט עס אים אויך דעם כח צו אויפטאָן אין וועלט, ביז אין גאַנץ סדר השתלשלות (וועלכער שטעלט זיך אויס אין עשר), די המשכה וגילוי פון אחד עשר, "אנת הוא חד ולא בחושבן", אַזוי אַז די גאַנצע וועלט — תחתונים מצד ענינם הם — זאָל ווערן אַ דירה לו יתברך, לו לעצמותו[80].

---

71) נוסח הושענות דיום ג'. וראה לקו"ת פ' ראה כה, א. כז, א. ובכ"מ.

72) ראה זח"ג עג, א.

73) ראה זהר שם. המשך תרס"ו ע' רלה. לקו"ש ח"ח ע' 409 ואילך. סה"מ מלוקט ח"ג ע' קנג ואילך. ושי"נ.

74) ראה אוה"ת תשא (כרך ו) ע' א'תתקמג.

75) פרש"י שה"ש א, ב.

76) ראה זהר שם. לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ובכ"מ.

77) ירושלמי ע"ז פ"ב סוף ה"ז ובפ"מ שם.

78) תו"א משפטים עה, ג. תו"ח שם תט, רע"א. ועוד.

79) פרש"י ר"פ משפטים.

יא. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס דער חידוש (פון כ"ב שבט) דריקט זיך אויס דוקא בנוגע (די הסתל־קות פון) בתו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו:

כשם ווי בא גאולת מצרים, זאָגן חז"ל[80] אַז "בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים", אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו דער גאולה העתידה לבוא (אויף וועלכער עס שטייט[81] "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"), אַז דאָס וועט זיין ב־שכר ובזכות נשים צדקניות שבאותו הדור, כמארז"ל[82] "אין הדורות נגאלים אלא בשכר נשים צדקניות שיש בדור". ובפרט ע"פ המבואר אין כתבי האר"י ז"ל[83] אַז דער דור האחרון איז גלות איז אַ גלגול פון דור יוצאי מצרים.

וואָס דאָס איז פון די טעמים[84] אויף דער השתדלות מיוחדת פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו אין דעם חינוך והדרכה פון נשי ובנות ישראל, אין אַלע ענינים פון אידישקייט, תורה ומצוותי', כולל — אין לימוד החסידות והפצת המעינות חוצה — וואָרום זייענדיק דער דור האחרון פון גלות און דער דור ה־ראשון פון גאולה, איז דעמולט נאָכמער נוגע די עבודה פון נשי ובנות ישראל, וואָס בזכותן קומט די גאולה.

אויב דאָס איז אַזוי בנוגע צו אַלע נשי ובנות ישראל, עאכו"כ בנוגע צו בתו פון נשיא דורנו עצמו, וועלכע איז נתחנך געוואָרן דורך נשיא דורנו וכו'. און אויך לאחרי הסתלקותה וועט נמ־שך איר השפעה, ובפרט אַז כו"כ מבנות ישראל נקראות על שמה, און דורך זייער הנהגה באַווייזן זיי אַ לעבעדיקן ביישפיל, אַלס לעבעדיקע נשמות אין לעבעדיקע גופים[85], אַז זיי זיינען נתחנך געוואָרן אין איר רוח און לויט אירע אָנווייזונגען, און לויט איר ביישפיל (אַלס בתו פון נשיא דורנו).

עפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס נאָך כ"ב שבט (יום הסתלקות פון בתו) האָט זיך אויפגעטאָן דער שלב האחרון אין צוגרייטן די וועלט (אַלס אַ דירה לו יתברך בתחתונים) צו דער גאולה, וואָרום שלימות ענין זה קומט ע"י ובשכר נשי ובנות ישראל.

יב. די מעלה פון נשי ובנות ישראל אין דער עבודה פון מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים (די התאחדות פון עשר און אחד עשר) וועט מען פאַרשטיין בהקדים אַ תוספת ביאור אין דעם וואָס עס האָט זיך פריער גערעדט וועגן דער עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים:

וויבאַלד אַז חז"ל[24] נוצן דעם לשון "דירה בתחתונים", איז פאַרשטאַנדיק אַז מ'קען פאַרשטיין דער תוכן דערפון דורך פאַרגלייכן דאָס צו דירת האדם למטה [וועלכע ווערט נשתלשל פון ענין הדירה למעלה].

מ'זעט בפשטות אַז אע"פ וואָס אַ דירה קען באַשטיין בלויז פון אַ מקום מסויים וואָס איז מוכשר לדירת האדם, איז אָבער שלימות הדירה — בשעת דאָס

80) סוטה יא, ריש ע"ב. שמו"ר פ"א, יב. וראה במדב"ר פ"ג, ו.

81) מיכה ז, טו.

82) יל"ש רות רמז תרו בסופו (ממדרש זוטא רות).

83) שער הגלגולים הקדמה כ. לקוטי תורה וספר הליקוטים שמות ג, ד.

84) ראה "קובץ כ"ב שבט" (שחולק באור לכ"ב שבט כדלקמן הערה 122) ע' 32 ואילך.

85) להעיר ממאחז"ל (תענית ה, ב): יעקב אבינו לא מת . . מה זרעו בחיים אף הוא בחיים.

איז אַ דירה נאה מיט כלים נאים, ביז אַז „שלשה מרחיבין דעתו של אדם, אלו הן, דירה נאה ואשה נאה וכלים נאים"[86].

דאָס הייסט, אַז אין אַ דירה בפשטות זיינען פאַראַן צוויי ענינים: (א) אַ דירה איז אינגאַנצן בטל צו דער בעל הדירה וואָס לעבט אין איר. אַלע פרטים פון דער דירה (כדבעי) זיינען אים משמש, און אין דעם באַשטייט זייער גאַנצע מציאות. (ב) די דירה נאה איז מרחיב דעתו של אדם.

אַזוי איז אויך מובן בנוגע צו „דירה בתחתונים": שלימות הדירה איז דוקא בשעת דאָס איז אַ „דירה נאה" מיט „כלים נאים", נוסף אויף דעם וואָס דער איד אַליין פירט זיך דאָרט באופן „נאה" (ווי עס פאַסט פאַר כנסת ישראל — „אשה נאה"). דאָס הייסט: אין צוגאָב דערצו וואָס מ'מאַכט אויף פון תחתונים אַ דירה פאַרן אויבערשטן באופן ה־מוכרח ע"פ שורת הדין, מאַכט מען עס אויך אַ „דירה נאה" — כפס"ד הלכה[87]: „בכל דבר שהוא לשם הא־ל הטוב שיהי' מן הנאה והטוב, אם בנה בית תפלה יהי' נאה מבית ישיבתו וכו'". „זה א־לי ואנוהו"[88], „התנאה לפניו במצוות, עשה לפניו סוכה נאה ולולב נאה וכו'"[89]. ו־עד"ז איז מובן בנוגע צו כללות העבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים, אַז דאָס דאַרף זיין באופן פון „(דירה) נאה". און דאָס איז נוגע ניט נאָר צו שלימות התחתון, נאָר אויך צו דעם בעל הדירה — דירה נאה מרחיבה דעתו של אדם העליון כביכול.

יג. והביאור בזה:

די שלימות החיבור והיחוד פון עשר און אחד עשר וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך „מעשינו ועבודתינו" (ווי דאָס איז בהדגשה אין יום עשירי בחודש אחד עשר, ובשלימות הגילוי — אין כ"ב שבט) טוט אויף אַ חידוש וואָס איז ניט געווען לפני זה, [און דערפאַר איז די גאולה האמיתית והשלימה — ווען עס וועט זיין שלימות הענין פון דירה לו יתברך בתח־תונים („גילוי אור א"ס ב"ה בעוה"ז הגשמי"[90]), אַז עשר ווערט איין זאַך מיט אחד עשר — „תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[91]]:

מצד דעם גילוי פון „אחד עשר" מצ"ע — איז דער וועג ווי דער תחתון קען דאָס אויפנעמען איז דורך ביטול מציאותו („פרחה נשמתן"): מצד דעם גילוי פון „עשר" מצ"ע ווערט דער תחתון טאַקע נתאחד מיט אלקות, אָבער נאָר מיט דער דרגא וואָס איז בערך הבריאה, ניט מיט אלקות שלמעלה מה־בריאה (אחד עשר).

דורך עבודת האדם למטה בזיכוך ובירור התחתון, מאַכט מען אויף, אַז אויך תחתונים (עשר) מצד ענינם הם זאָלן זיין אַ דירה לו יתברך, ניט נאָר צו די דרגות אין אלקות וועלכע זיינען בערך צו עולם, נאָר אויך צו אלקות וואָס איז שלא בערך, ביז צו עצמות ומהות אַליין, און נוסף אויף „דירה לו יתברך", אויך — איין זאַך כביכול מיט הוא יתברך (דער יש הנברא עצמו איז יש האמיתי).

און דער חידוש איז ניט נאָר אין דער בריאה — אַז דורך עבודת התחתונים קען די בריאה אויפנעמען אלקות וואָס איז שלא בערך צו עולם — נאָר אויך אין אלקות כביכול. כמבואר אין חסי־

86) ברכות נז, ב.

87) רמב"ם סוף הל' איסורי מזבח.

88) בשלח טו, ב.

89) שבת קלג, ב. ושי"נ.

דות[90], אַז דורך עבודת האדם בתומ"צ בתחתונים ווערן אויפגעטאָן צוויי ענינים: (א) דער אור אלקי וואָס איז שלא בערך צו עולם און האָט מצ"ע ניט געקענט נתקבל ווערן אין עולם (וואָס דערפאַר איז געווען דער צמצום), ווערט נמשך אין עולמות באופן אַז זיי ווערן נתבטל במציאותם און זיי נעמען אויף דעם אור. נאָכמער: (ב) עס ווערט נמשך ונתגלה אַן אור חדש פון עצמותו ומהותו ית', שלמעלה פון דעם אור[91] שהי' ממלא מקום החלל. ויש לומר נאָכמער — אַז דורך דער עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים, ווערט נתמלא דער תענוג ותשוקה אין עצמותו ית' כביכול — וואָס „נתאוה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים" (און „שוקיו עמודי שש", „זה העולם שנשתוקק הקב"ה לבראותו"[92]), וואָס דער „נתאוה" איז דוקא אין עצמותו יתברך[93].

ויש לומר, אַז פון די צוויי ענינים קומען אַרויס צוויי נקודות וואָס דאַרפן זיין באַ דעם אדם העובד אין דעם אופן העבודה פון מאַכן די דירה בתחתונים:

מצד דעם ערשטן ענין (דער חידוש לגבי הבריאה) — באַשטייט דער עיקר עבודה צו איבערמאַכן די דברים גשמיים בתחתונים („בענין הסתר אורו ית'"[94]) זיי זאָלן זיין כלים מוכשרים אויף גילוי אלקות (דורך מאַכן תפילין מקלף גשמי, ציצית מצמר גשמי וכו'), ובכללות — אַ „דירה לו יתברך", אַ מקום מוכשר פאַר גילוי אלקות און השראת השכינה, ביז — פאַר עצמותו ית'.

[וע"ד דער ערשטער ענין הנ"ל אין אַ דירה בפשטות, אַז די דירה איז אינגאַנצן בטל צו דעם בעל הדירה וואָס לעבט אין דער דירה].

מצד דעם צווייטן ענין (דער חידוש למעלה) — קומט צו אַז די עבודה דאַרף זיין צו שאַפן אַ „דירה נאה" און „כלים נאים", וועלכע זיינען מרחיב דעתו של אדם, כנ"ל.

[וע"ד דעם צווייטן ענין אין אַ דירה: נוסף צו דעם וואָס כל עניני הדירה זיינען בטל צום בעל הדירה, איז די דירה נאה וכלים נאים מרחיבין דעתו של אדם].

יד. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין די שייכות דערפון מיט נשי ובנות ישראל:

מ'זעט בפועל אין אַ דירה בפשטות, אַז דער עיקר נוי ויופי הדירה והכלים — הן בגשמיות והן ברוחניות — איז תלוי אין דער אשה, „עקרת הבית"[95]. וכידוע אַז דער ענין פון נאה (און דער כח צו אויפטאָן נאה) איז דאָ במיוחד ביי אַן אשה — „אשה נאה"[96], „כלה נאה וחסודה"[97]. ביז אַז „אין האשה אלא ליופי"[98]

---

90) המשך תרס"ו בתחלתו (ע' ד). ע' תקט. סה"מ תשי"ב ע' 32. ועוד.

91) ראה ע"ח שער א (דרוש עגולים ויושר) ענף א. אוצרות חיים ומבוא שערים בתחלתם.

92) שה"ש ה, טו. במדב"ר רפי"א.

93) ראה לקו"ש ח"ו ע' 21 ואילך. ועוד.

94) תניא פל"ו (מה, ב).

95) ראה ב"ר פע"א, ב. זח"א קנד, א. אוה"ת נ"ך (כרך ב) ע' תתעא. ע' תתנח ואילך. וראה „קובץ כ"ב שבט" ע' 21 ואילך.

96) ועפ"ז תומתק השייכות (בברכות שם) ד„אשה נאה" ו„דירה נאה וכלים נאים" (השלשה ענינים שמרחיבין דעתו של אדם), כי ע"י „אשה (שענינה) נאה" נעשים גם „דירה נאה וכלים נאים".

97) כתובות יז, רע"א.

98) תענית לא, א.

— יופי ברוחניות וואָס דערפון ווערט נשתלשל אין יופי בגשמיות[99].

ויש לומר אַז דאָס ווערט נשתלשל דערפון וואָס אַזוי איז דאָס אויך אין דער עבודה פון מאַכן אַ „דירה בתח־תונים", אַז אין נשי ובנות ישראל איז תלוי אַ חלק עיקרי פון דער עבודה צו מאַכן אַז די דירה זאָל זיין אַ „דירה נאה" מיט „כלים נאים".

ווי אונטערשטראָכן במיוחד אין די דריי עיקריות'דיקע מצוות שעליהן נשען כל בית ישראל — הדלקת נרות שבת קודש ויום טוב, כשרות האכילה ושתי' און טהרת המשפחה (ר"ת „החן"[100], חן ויופי ונוי), וואָס די מצוות טוען אויף עס זאָל זיין (נוסף אויף אַ דירה לו יתברך בתחתונים בכלל) — אַ „דירה נאה" און „כלים נאים", דורכגענומען מיט די שיינ־קייט (גייסטיקע און גשמיות) פון כשרות, טהרה און קדושה[101].

ועד"ז אין דעם ענין פון חינוך הבנים והבנות — וואָס דאָס שטעלט אַוועק דעם יסוד החיים פון יעדען מענטשן — זעט מען בפועל, אַז זייער חינוך איז אָפּ־הענגיק פון דער מוטער[102]. ובפרט דער חינוך והדרכה פון יונגע קינדער, און וואָס אינגער, אַלץ מער איז דאָס תלוי אין דער מוטער: זי גיט אין זיי אַריין פון גאָר יונג אָן די חיות און רוח פון אידישקייט, וואָס על יסוד זה וואַקסן אויס בנים ובנות עוסקים בתורה ו־מצוותי', בשלימות ברוחניות ובגשמיות — באופן נאה ויפה וכו'.

דאָס הייסט, אַז נוסף אויף דעם וואָס די קינדער זאָלן זיין עוסקי תומ"צ ע"ד הרגיל, גיט אין זיי אַריין די מוטער דעם געשמאַק און וואַרעמקייט (מיט דער איידלקייט און ליבשאַפט וואָס איז דאָ במיוחד אין דער נאַטור פון נשי ובנות ישראל) אַז דער עסק בתומ"צ זאָל זיין באופן נאה וטוב, אַזוי אַז מ'קען אויף אים אָנווייזן און זאָגן: „זה א־לי ואנוהו" (כנ"ל סי"ב).

כנראה — לדוגמא — אין דעם מנהג טוב פון אידישע מוטערס צו זינגען צו זייערע גאָר קליינע קינדערלעך נאָך ליגנדיק אין וויגעלע — אַז תורה איז די בעסטע זאַך, די זיסטע זאַך, די שענסטע זאַך וכו'. וואָס דאָס וואָרצלט איין אין דעם קינד — אויך אויף ווען ער וואַקסט אויס („גם כי יזקין לא יסור ממנו"[103]) — אַ טיפע ליבשאַפט און טייערקייט צו אַלע ענינים פון תורה און מצוות.

טו. דער ענין פון אַריינברענגען שיינקייט („נאה") אין דער דירה און אין אַלע ענינים פון אידישקייט — זעט מען בגלוי אין מצות הדלקת נרות שבת קודש ויו"ט:

---

99) ראה יהל אור ע' תקלח. ביאוה"ז (להצ"צ) ע' תרא ואילך. ועוד.

100) מגלה עמוקות עה"ת פ' שלח (ד"ה ג' מצוות — יז, ד).

101) כמבואר בספרים שע"י כשרות האכו"ש נעשה שינוי במהות וטבע האדם האוכל ושותה מאכלות ומשקאות אלו, מכיון שנעשים דם ובשר כבשרו (ראה רמב"ן (הובא בבחיי) שמיני יא, יג. פ' ראה יד, ג. ועוד).

ועאכו"כ שכן הוא בנוגע לטהרת המשפחה, שבזה תלוי' הטהרה והנוי בחיי המשפחה מתוך בריאות בגשמיות וברוחניות, כידוע ומבואר בכ"מ (ראה לקו"ש חי"ג ע' 259. וש"נ). וכן בנוגע להדלקת נרות שבת קודש ויו"ט, שממשיכה בהדירה ובכל בני הבית אור וקדושה של „נר מצוה ותורה אור" (כדלקמן בפנים).

102) ראה של"ה שער האותיות (מד, א). הובא בקונטרס „חנוך לנער" ס"ע 34 ואילך. וראה סה"ש תשנ"ג ח"ב ע' 455 ואילך (ע"ד חיוב נשי ישראל בחינוך ובלימוד התורה).

103) משלי כב, ו.

דורך דעם וואָס אַ אידישע פרוי און טאָכטער צינדט אָן אַ הייליקע ליכט פאַר שבת ויו"ט מיט אַ ברכה — ברענגט זי אַריין אין שטוב הייליקע ליכטיקייט, וואַרעמקייט און שיינקייט (נאה), וואָס באַלייכט און באַשיינט די גאַנצע שטוב, און אַלע בני בית — אויך דעם בעל און די בנים — מיט „נר מצוה ותורה אור"[104], אַלע ענינים פון תורה ומצוות[105],

[אָנהויבנדיק דערפון וואָס מיט הד־לקת נרות שבת פירט זי אַריין דעם יום השבת קודש פאַר כל בני הבית (און ערשט דערנאָך קומט תפלת ערבית און קידוש פון דעם בעל)].

און דער חידוש אין נר שבת ויו"ט איז — אַז דאָס טוט אויף עס זאָל זיין אַ „דירה נאה" באופן גלוי לעיני בשר — יעדערער קען זען ווי די דירה ווערט באַלויכטן און באַשיינט מיט די לייכטנ־דיקע ליכט.

ויש לומר, אַז דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס די רמ"ח מצוות עשה (רמ"ח אברין דמלכא[106]) מיט די ב' ידים (די צוויי כללות'דיקע קיום פון אהבה ויראה, וועלכע ברענגען אַריין שלימות אין קיום המצוות[107]) זיינען בגימטריא „נר"[108] — ווייל אין הדלקת נר דריקט זיך אויס בגלוי די שלימות פון קיום כל המצוות, צו מאַכן פאַרן אויבערשטן אַ „דירה נאה" בתחתונים.

טז. ולהוסיף אַז דאָס איז אויך מרומז אין שם הנפטרת — „חי' מושקא", וואָס באַדייט חיות און ריח בשמים (כנ"ל ס"ט):

בכדי עס זאָל זיין אַ „דירה נאה" פאָדערט זיך אַז אין דער דירה זאָל זיין חיות, זי זאָל זיין אַ לעבעדיקע שטוב (וואָס חיות איז בהוספה צו דעם עצם מציאות הדבר). און נאָכמער — דאָרט זאָל זיך פילן אַ ריח בשמים — אַ ריח טוב ונאה[109], הן ברוחניות און הן ב־גשמיות, וואָס גיט צו נאָכמער נוי אין דירה (ע"ד ווי די הוספה וואָס קומט צו דורך אור הנרות[110]). [און דאָס איז נאָכמער בהדגשה ביום השבת[111], וואָס ענינו איז עונג].

ועד"ז אויך אין רוחניות הענינים — איז אַ „דירה נאה" תלוי אין דעם אַז עס זאָל זיין סיי די עבודה פון „חי'" — די חיות פנימי און כחות פנימיים, און סיי

---

104) שם ו, כג.

105) ראה שבת כג, ב: „הרגיל בנר הווין לי' בנים תלמידי חכמים", ובפרש"י „דכתיב כי נר מצוה ותורה אור, ע"י נר מצוה דשבת . . בא אור דתורה". וראה גם זח"ב קסו, א.

106) ראה תקו"ז ת"ל (עד, סע"א). הובא בתניא פ"ד. רפכ"ג. ועוד.

107) היינו, כפי שאהבה ויראה הם ענינים כלליים הפועלים על כל (רמ"ח) אברים הגשמיים ועל כל מציאות האדם — ע"י התפשטות הלב (אהבה) או כיווץ הלב (יראה). ונוסף לזה, אהבה ויראה הן ב' מצוות פרטיות מרמ"ח מ"ע, מצד ענינה הפרטי של כל א' מהן.

108) זהר שם, ב. וראה לקו"ת בהעלותך לג, ג. שלח מד, ד. ובכ"מ.

109) ראה ראב"ע ורמב"ן עה"פ תשא ל, כג. וראה מו"נ ח"ג פמ"ה. תורת העולה (להרמ"א) ח"ב פל"ה.

110) ולהעיר שבשמן המשחה (שמן זית (תשא שם, כד)) הי' גם מור (שם, כג), שזהו"ע ד„מושקא" (כנ"ל הערה 60), והרי ידוע שהיו מהדרים (בדורות שעברו) להדליק נרות שבת בשמן זית.

111) ולהעיר שמשלימים המאה ברכות בשבת (ויו"ט) ע"י ריח הבשמים (מנחות מג, סע"ב. טושו"ע או"ח רסר"צ. שו"ע אדה"ז שם. ושם רסמ"ז). ואמרו חז"ל (ויק"ר פכ"ג, ו. שהש"ר פ"ב, ב [ו]) „מה שושנה זו [שאינה אלא לריח, כדלעיל שם] מתוקנת לשבתות וימים טובים כו'", „להתענג ולברך על הריח ולהשלים ק' ברכות" (פי' מהרז"ו לויק"ר שם).

די עבודה פון „מושקא" — די כחות המקיפים, ביז יחידה שבנפש, דער ענין פון תענוג (נאה).

וואָס דאָס טוט אויף, אַז נוסף צו זיין אַ דירה בתחתונים בכלל (וואָס איז בטל „לו יתברך"), ווערט עס אַ „דירה נאה" (ווי דאָס איז אויך בפשטות הענין, אַז דער ריח נאה פון „מושקא" פועל'ט אַז בכל הבית זאָל זיין אַ ריח ורוח נאה), אַזאַ נוי וועלכער איז משיב את הנפש והנשמה נהנית ממנו, און דאָס איז מרחיב דעתו של אדם — דאָס ברענגט אַריין (ובפרט צוזאַמען מיט נרות שבת קודש ויו"ט) אַן אור חדש וחיות חדש אין כל בני הבית און אין כל הדירה כולה, ביז — אין כל העולם כולו און אין גאַנץ סדר ההשתלשלות,

כולל און אַנהויבנדיק פון — הנאה ותענוג באַ דעם בעל הדירה האמיתי, דער אויבערשטער (וואָס „נתאוה" עס זאָל זיין פאַר אים אַ דירה בתחתונים[112]),

ביז — די שלימות פון „אורו[113] של משיח", ו„רוחו[114] של מלך המשיח"[115], בגאולה האמיתית והשלימה, וועלכע קומט בשכר נשים צדקניות בישראל[116], כנ"ל.

ועפ"ז יש לומר, אַז די הוספה פון כ"ב שבט (אחד עשר בכפליים) איז כולל, אַז נוסף צו דעם וואָס עס ווערט דער יחוד פון עשר און אחד עשר (יום עשירי בחודש אחד עשר, ביז יום אחד עשר בחודש אחד עשר) — אַ דירה בתחתונים בכלל — גיט צו דער צווייטער אחד עשר, אַז דאָס ווערט אַ „דירה נאה", וואָס איז מרחיב דעתו של אדם העליון. ויש לומר אַז דורך דעם (וואָס מ'מאַכט אויף אַ „דירה נאה" וואָס איז מרחיב דעתו של אדם) איז נאָכמער מודגש די התאחדות פון „עשר" און „אחד עשר", ווייל נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז אַ „דירה (הבטלה וטפלה) לו יתברך", איז די דירה בתחתונים מוסיף ומחדש אַ נייע התרחבות אפילו לגבי למעלה כביכול.

יז. דערפון האָט מען דעם לימוד פאַר נשי ובנות ישראל בכלל, ובמיוחד — פאַר די שלוחות תחיינה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — וועלכע האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן מכל קצוי תבל אין דעם „כינוס השלוחות העולמי":

נוסף צו דעם וואָס אַלע אידן האָבן די שליחות פון דעם אויבערשטן צו

„חמש") בצירוף יו"ד (כחות הנפש) הוא בגימטריא „משיח" — ע"פ המבואר לעיל (ס"ט), ש„חי' מושקא" מורה על המשכת וגילוי המקיף דיחידה (שמשיח הוא יחידה הכללית (רמ"ז לזח"ב מ, ב. ולזח"ג רס, ב. ועוד)) בעשר כחות הנפש.

116) ולהעיר מהשייכות דריח לענין הגאולה — כמובן ממאחז"ל (ויק"ר ושהש"ר שם) „מה שושנה זו אינה אלא לריח כך לא נבראו צדיקים אלא לגאולתן של ישראל". וראה המשך דברי המדרש שם: „מה שושנה זו מתוקנת לשבתות וימים טובים כך ישראל מתוקנין לגאולת מחר" (יום שכולו שבת וכולו טוב).

112) ויש לומר, שע"י עשיית הדירה בתחתונים מתוך תענוג והנאה (ענין הריח), ניתוסף במילוי ה„נתאוה . . דירה בתחתונים" — כי ע"ז נעשה בתחתונים (מצד ענינם הם) מעין „כלי" ו„דירה" לגילוי התענוג (נתאוה) שלמעלה.

113) זהר ח"ג לד, ב. נת' בלקוטי לוי"צ לזח"ג ע' ריט ואילך.

114) ב"ר פ"ב, ד. פ"ח, א. וראה לעיל ח"א ע' 131.

115) ולהעיר ש„משיח" הוא הר"ת של שם הנפטרת בצירוף יו"ד (ר"ת שני שמותיו של אבי', כ"ק מו"ח אדמו"ר. ויום ההילולא שלו הוא ביו"ד שבט, וגם תוכן עבודתו הי' בענין העשירי, כנ"ל ס"ז).

ויש לקשר זה עם המדובר כמ"פ (לקו"ש חכ"ט ע' 358 ואילך. ועוד) ש„שליח" (הגימטריא של

מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים (כמדובר כמ"פ בארוכה), האָבן נשי ובנות ישראל די שליחות מיוחדת צו מאַכן אַז דאָס זאָל זיין אַ „דירה נאה" מיט „כלים נאים",

אַנהויבנדיק דורך דעם קיום וחיזוק פון די דריי מצוות הנ"ל שניתנו להן במיוחד אין זייער דירה פרטית, כשרות האכילה ושתי', טהרת המשפחה, און נרות שבת קודש ויו"ט, כולל — די השתדלות אַז אויך קליינע מיידעלעך (משהגיעו לידי הבנה) זאָלן אָנצינדן די נרות (פריער פאַר זייער מוטער, בכדי די מוטער זאָל זיי קענען העלפן כו').

און אַזוי אויך — זען משפיע זיין אויף אַנדערע נשי ובנות ישראל אַז אויך זיי זאָלן מקיים ומחזק זיין די מצוות האמורות.

ובכללות — ליגט אויף זיי אַ חלק עיקרי פון דער אחריות און זכות צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ דירה נאה מיט כלים נאים — „ועשו[117] לי מקדש ושכנתי בתוכם"[118], בתוך כל אחד ואחת מישראל[119], אָנהויבנדיק באַ זיך אַליין און אין דער אייגענער שטוב, דערפון אויפמאַכן אַ משכן ומקדש לה', אַ בית תורה תפלה וגמילות חסדים (כמדובר כמ"פ[120]), דורך זיך אַליין אויפפירן — און אַזוי אויך מחנך זיין די קינדער און בני בית — ווי עס פאַסט פאַר אַ „משכן" און „מקדש" לה', און בפרט אַ משכן ומקדש נאה,

כולל — דורך דעם וואָס מ'ברענגט אַריין אין שטוב, און אין יעדן חדר אין שטוב — ענינים פון תורה, תפלה וגמילות חסדים, און אויך פאַרזיכערן אַז יעדער קינד אין שטוב זאָל האָבן אַן אייגענעם: חומש (און אַנדערע תורה־ספרים), סידור, צדקה־פושקע, ומה טוב — אויך אַן אייגענעם קליינעם תניא.

ובכללות — אָננעמען החלטות טובות צו מוסיף ומחזק זיין דעם שטח פון חינוך בני ובנות ישראל, אָנהויבנדיק פון גאַר קליין־ווייז אויף (כנ"ל),

ועוד וגם זה עיקר — בפרט בדורנו זה, ובמיוחד — באַ די שלוחות תחיינה — צו משפיע זיין אויף אַנדערע נשים ובנות, בכל עניני תורה ומצוות און אידישקייט, הפצת התורה והיהדות, אין אַלע דריי קוים פון תורה עבודה וגמילות חסדים, והפצת המעינות חוצה.

ובפרט נעמענדיק דעם כח פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו און פון זיין בית הכנסת ובית המדרש ובית מעשים טובים (וואו מ'געפינט זיך איצטער), וואו ער האָט זיך עוסק געווען (בעשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין) אין תורה עבודה וגמילות חסדים, ובהדגשה — אין אַלע דריי ענינים, און אין הפצת המעינות חוצה, און דאָס איז דערנאָך נמשך געוואָרן ע"י כל אחד ואחת, ובאופן פון מעלין בקודש, אויך לאחרי זה, והולך ומוסיף ואור[121];

כולל ועיקר — בזמננו זה, די לעצטע רגעים פאַר דער גאולה — צו מעורר

117) תרומה כה, ח.

118) כידוע שגם הנשים השתתפו בנדבת המשכן. ואדרבה — „הן היו שם בראשונה והאנשים נטפלו להן" (ויקהל לה, כב וברמב"ן עה"פ). וראה בארוכה „קובץ כ"ב שבט" ע' 7 ואילך.

119) אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). ראשית חכמה שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו. של"ה (סט, א. רא, א. שנה, ב. שנו, ב. ובכ"מ). וראה לקו"ש חל"ו תרומה תשנ"ב ס"ז ואילך.

120) ראה סה"ש תשמ"ז — שיחות ש"פ תרומה תשמ"ז. מכתבי „בין יו"ד וט"ו בשבט ה'תשמ"ז" (לקו"ש חכ"ו ע' 414 ואילך. שם ע' 420). ובכ"מ.

121) ראה הערה הבאה.

זיין זיך און אַלע נשי ובנות ישראל וועגן דעם גודל הזכות פון נשי ובנות ישראל צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש, וועלכע קומט „בשכר נשים צדקניות שיש בדור", כנ"ל.

יח. ויהי רצון — והוא העיקר מכל העיקרים — אַז כן תהי' לנו בפועל, און תיכף ומיד ממש, ובפרט קומענדיק פון כ"ב שבט, „בך יברך ישראל" — אַז בזכות ובשכר נשים צדקניות זאָלן אַלע אידן שוין גלייך נגאל ווערן בגאולה האמיתית והשלימה,

והקיצו ורננו שוכני עפר', ובתוכם — כ"ק מ"ח אדמו"ר און בתו הנפטרת, מיט אַלע צדיקים וצדקניות און אַלע נשמות בכלל, און צוזאַמען מיט אַלע אידן וואָס זיינען איצטער נשמות בגופים — לאריכות ימים ושנים טובות, נשמה בריאה בגוף בריא — גייט מען איבער, בלי שום הפסק כלל, אין חיים נצחיים, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש, ולכל לראש — תיכף ומיד ממש בפשטות ממש[122].

122) באור ליום ב' פ' משפטים, כ"ב שבט, חילק כ"ק אדמו"ר שליט"א לכאו"א: „קובץ כ"ב שבט", פרוסת „לעקאח", שטר של חמש דולר (לתתו (או חילופו) לצדקה). ואולי הוא גם כנגד הג' קוים דתורה (הקובץ), עבודה („לחמי לאשי", ודוגמתו — לעקאח), וגמ"ח (צדקה). ובמספר של חמש — ר"ת של שם הנפטרת. המו"ל.



משיחות* ש"פ משפטים, ז"ך שבט, מבה"ח אדר א'** ה'תשנ"ב

א. ידוע[1] שכל המאורעות שבעולם הם בהשגחה פרטית, ויש בהם לימוד והוראה בעבודת האדם לקונו, ועאכו"כ בנוגע למאורעות כלליים ועיקריים הקשורים עם מדינות גדולות וחשובות (שבהם נמצא רוב מנין ורוב בנין דבנ"י בזמן הגלות[2]) בעלי השפעה ומנהיגות כל העולם כולו, שגם הלימוד וההוראה ממאורעות אלו הוא בענין כללי ועיקרי בעבודת האדם לקונו.

ועד"ז בנוגע להמאורעות דימים אלה:

לכל לראש — המאורע שאירע בערב שבת זה[3], שבו התאספו והתכנסו יחדיו ראשי מדינות גדולות וחשובות בעולם, ובראשם נשיאי שתי המעצמות הגדולות, והחליטו והכריזו על תקופה חדשה ביחסי מדינות העולם — ביטול מצב של מלחמות בין מדינות העולם, שיתבטא גם בצמצום וביטול כלי נשק, ועד לשלום ואחדות, שיתוף פעולה ועזרה הדדית בין מדינות העולם לטובת האנושות כולה.

וקדם למאורע זה (בהשגחה פרטית) נאומו של נשיא מדינה זו לאומה כולה (באור ליום הרביעי, „קמי שבתא"[4], התחלת ערב שבת זה[5]), שבו הודיע והכריז על פעולותיו בצמצום וביטול כלי נשק, וניצול הכספים (שלא ינתנו לרכישת כלי נשק) כדי להוסיף בעניני הכלכלה של בני המדינה — הכרזה שאושרה ע"י „בית הנבחרים", שבו נקבעים חוקי המדינה שיש להם תוקף ע"פ תורה („דינא דמלכותא דינא"[6]).

ויש להתבונן בהלימוד וההוראה ממאורע זה, וגם בפרטי הענינים דהמאורע — מקומו וזמנו, כולל שייכותו לתוכנו של הזמן בתורה[7], בפרשת השבוע[8], כדלקמן.

ב. הלימוד וההוראה ממאורע זה הוא בענין כללי ועיקרי בעבודתם של בנ"י („מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[9]) — „להביא לימות המשיח"[10]:

מהיעודים דהגאולה האמיתית והשלי־

---

*) כולל גם שיחות ליל ויום ה' פ' משפטים, כ"ה שבט, ויום א' פ' תרומה, כ"ח שבט.

**) ולהעיר שר"ח אדר א' הוא בימי ג' ד' — גד (מזל).

1) ראה כש"ט הוספות סקי"ט ואילך. ושי"נ.

2) וכתוצאה מזה נעשית גדולתן וחשיבותן של מדינות אלו — „כידוע שכל אומה ומלכות שישראל יבואו בהם בגלות הן מתעלים . . ביותר מכל האומות והולכים ומתגדלים בהיות ישראל תחתם" (תו"ח לך לך צב, א. וראה מכילתא בשלח יד, ה).

3) ששייך ליום השבת, כמארז"ל (ע"ז ג, סע"א) „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת". וראה לקמן הערה 23.

4) פסחים קו, סע"א.

5) כמודגש גם בסיום וחותם שירו של יום ב„לכו גרננה הקטן" („היום יום" כ"ג כסלו. ובכ"מ).

6) גיטין י"ד, ב. ושי"נ.

7) כיון שהתחלת כל הענינים הוא בתורה, כמארז"ל (זח"ב קסא, ריש ע"ב) „קב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא בר נש אשתדל באורייתא ומקיים עלמא", ובפרט בחלק התורה השייך במיוחד לזמן זה, פרשת השבוע.

8) כתורת רבינו הזקן שצריכים „לחיות עם הזמן", כלומר, לחיות עם תוכנו של הזמן בתורה, בפרשת השבוע („היום יום" ב' חשון. ובכ"מ).

9) תניא רפל"ז.

10) ל' חז"ל — במשנה ספ"ק דברכות.

מה ע"י משיח צדקנו בשייכות להנהגת אומות העולם — "וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה"[11].

ולהוסיף, שענין זה יהי' ע"י פעולתו של מלך המשיח עצמו — כמ"ש בהתחלת הפסוק[11] "ושפט בין הגוים והוכיח ל־עמים רבים" ("השופט הוא מלך המשיח . . שיהא אדון כל העמים, והוא יוכיח להם ויאמר למי שימצא בו העול ישר המעוות . . ומפני זה לא תהי' מלחמה בין עם לעם כי הוא ישלים ביניהם, ולא יצטרכו לכלי מלחמה, וכתתו אותם לעשות מהם כלי לעבודת האדמה"[12]), שכן, "באחרית הימים נכון יהי' הר בית ה' גו' ונהרו אליו כל הגוים והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה' אל בית אלקי יעקב ויורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים"[13], "והמורה הוא מלך המשיח, ועליו נאמר ושפט"[12].

וכיון שבימים אלו מחליטים ומכרי־זים ראשי מדינות בעולם ע"ד צמצום וביטול כלי נשק וההוספה בהענינים הדרושים לקיום כלכלת המדינה והעולם כולו — תוכן היעוד "וכתתו חרבותם לאתים", שבירת כלי המלחמה לעשות מהם כלים לעבודת האדמה, "ארץ[14] ממנה יצא לחם"[15] — ה"ז סימן ברור על

התחלת קיומו של יעוד זה בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ליתר ביאור:

כיון שנמצאים ב"זמן השיא" ("די העכסטע צייט") של ביאת משיח צדקנו, "הנה זה (מלך המשיח) בא"[16], רואים כבר (מעין ו)התחלת פעולתו של מלך המשיח על העמים, "ושפט בין הגוים והוכיח עמים רבים וכתתו חרבותם לאתים וגו'" — ע"י שהקב"ה נותן בלב המלכים דאוה"ע ("לב מלכים ושרים ביד ה'"[17]) להחליט ולהכריז יחדיו ע"ד המעמד ומצב ד"וכתתו חרבותם לאתים".

וזהו הטעם שהחלטה והכרזה זו היתה בזמן זה דוקא — בגלל שייכותו המיו־חדת להגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בפועל ממש.

ג. ויש להוסיף, ששייכותו של המאו־רע להתחלת פעולתו של משיח צדקנו מודגשת גם בפרטי המאורע — המקום והזמן שבהם היתה החלטת והכרזת רא־שי המדינות על המעמד ומצב ד"וכתתו חרבותם לאתים":

המקום שבו אירע מאורע זה (מקום מיוחד שבו מיוצגים בקביעות באי־כח המדינות שבעולם כדי להתדבר ביניהם בדרכי נועם ודרכי שלום) — הוא במדי־נה זו ובעיר זו, המדינה והעיר שבה נמצא "בית רבינו שבבבל"[18], "בית חיינו", בית הכנסת ובית המדרש, בית תורה תפלה וגמ"ח, דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא

---

11) ישעי' ב, ד. מיכה ד, ג.

12) פי' הרד"ק עה"פ.

13) ישעי' שם, ב־ג. מיכה שם, א־ב.

14) איוב כח, ה.

15) ולא רק "לחם" המוכרח לקיומו של האדם, אלא גם ענינים של תענוג, כפירות האילן — כמודגש בהמשך הכתוב "וחניתותיהם למזמרות", "הכלים שזומרים בהם הגפנים ושאר אילנות" (פי' הרד"ק).

ולהעיר גם מהשייכות ל"ראש השנה לאילן" דמיני' אזלינן — שבו מודגשת ההוספה ד"גפן תאנה ורמון גו' זית שמן ודבש" (עניני תענוג) לגבי "חטה ושעורה" (דברים המוכרחים).

16) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

17) לשון הרגיל — ע"פ משלי כא, א. וראה לקו"ש חי"ג ע' 285 הערה 1 ובשוה"ג. ושי"נ.

18) מגילה כט, א. וראה בארוכה קונטרס בענין מקדש מעט זה כו' (לקמן ע' 465 ואילך).

דורנו, שבחר בו וקבעו להמקום המרכזי שממנו „תצא תורה", הפצת התורה והמעיינות חוצה בכל קצוי תבל עד ביאת משיח צדקנו (כשיפוצו מעינותיך חוצה[19]), שאז יהי' גם קיום היעוד „וכתתו חרבותם לאתים".

והענין בזה:

בבוא נשיא דורנו לחצי כדור התחתון, וקבע מקומו במדינה זו ובעיר זו, התחיל בתוקף ונעשה הבירור והזיכוך דחצי כדור התחתון, שגם בו נמשך הגילוי דמתן-תורה (שהי' בחצי כדור העליון[20]), ויתירה מזה — אדרבה — שנעשה המקור שממנו נמשך ונתפשט עיקר הפעולה דהפצת התורה והמעיינות חוצה בכל קצוי תבל ממש, ע"י השלוחים ששלח ברחבי העולם (גם לחצי כדור העליון), עד לפנה הכי נדחת שבעולם, כדי להפיץ תורה ויהדות בין כל בנ"י (כולל ובמיוחד אלו שדרים בין אומות העולם ומדברים בלשונם ומתנהגים בחיצוניות כמותם), ועוד וג"ז עיקר, הפצת כל עניני טוב וצדק ויושר גם בין אוה"ע ע"י קיום מצוות בני נח[21], כמודגש ביותר בשנים האחרונות, ככל שהולכים ומתקרבים יותר להזמן דביאת משיח צדקנו, ש„אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד"[22].

ובתקופה האחרונה (החל משנת נסים, והמשכה בשנת „נפלאות אראנו" ו„נפלאות בכל") הגיעה פעולה זו לשיא — בפריצת גבולותי' של המדינה ההיא שבשעתה חרתה על דגלה והכריזה מלחמה בהפצת התורה והיהדות ועד למלחמה באמונה בבורא עולם ומנהיגו (כולל גם המאסר דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ולאח"ז וכתוצאה מזה יציאתו מגבולות המדינה ההיא), ואעפ"כ, נמשכה גם שם הפעילות דשלוחי נשיא דורנו בהפצת התורה והיהדות בחשאי ובמס"נ ממש, עד לתקופה האחרונה שנתבטלה גזירת המלכות ונתאפשר המשך הפעילות דהפצת התורה והיהדות ביתר שאת וביתר עוז, בגלוי ובפירסום, ועד לנפילתו של המשטר הקודם, והקמתו של משטר חדש שהכריז לצדק וליושר ולשלום, על יסוד האמונה בבורא העולם ומנהיגו.

ובהמשך לזה התקיימה בערב שבת זה הפגישה בין מנהיגה החדש של המדינה ההיא למנהיגה של מדינה זו[23], בהשתתפותם של עוד כמה מנהיגי מדינות גדולות בעולם, שבה נתקבלה ההחלטה וההכרזה שתוכנה „וכתתו חרבותם לאתים".

ויש לומר, שבקיומה של פגישה החלטה והכרזה זו בהעיר של נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר (שבה נתקבצו מנהיגי המדינות, כולל גם מנהיג מדינה זו, שהוצרך לבוא מעיר הבירה לעיר זו[24]), מרומז, שכל זה בא כתוצאה מהפעולות דהפצת התורה והיהדות, צדק ויושר,

---

19) אגה"ק דהבעש"ט — כש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

20) ראה אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' תצב ואילך. ושי"נ.

21) כפס"ד הרמב"ם (הל' מלכים פ"ח ה"י) ש„צוה משה רבינו מפי הגבורה לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח".

22) צפני' ג, ט. וראה רמב"ם שם ספי"א.

23) ופגישתם נמשכת (וביתר שאת וביתר עוז) גם ביום השבת זה.

24) ואף שהטעם הפשוט לזה הוא לפי שהמקום המיוחד שבו מיוצגים בקביעות באי-כח המדינות שבעולם נקבע מלכתחילה במקום שאינו עיר הבירה של מדינה מסויימת, הרי, הטעם האמיתי לקביעת מקום זה בעיר זו דוקא, הוא, להיותה עיר הבירה של „מלכי רבנן" (ראה גיטין סב, סע"א. ועוד), כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (וראה לקמן הערה 26).

בכל העולם, שנעשו ונעשים ע"י נשיא דורנו, משיח שבדור[25], ועד שע"י שלימות העבודה בכהנ"ל בימינו אלה נעשה העולם כולו ראוי ומוכשר להתחלת הפעולה דמלך המשיח, „ושפט בין הגוים והוכיח עמים רבים וכתתו חרבותם לאתים"[26].

וגם הזמן שבו אירע מאורע זה (בתקופה האחרונה עצמה) הוא זמן מסוגל בשייכות להגאולה – מצד כמה ענינים:

א) מצד ימי השבוע – ערב שבת[27], ערב והכנה ל„יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[28], שבו „משבית מזיקין (כולל גם כלי נשק) מן העולם"[29], ויתירה מזה, כיון ש„מוסיפין מחול על הקודש, משל לזאב שהוא טורף מלפניו ומלאחריו"[30] (שטורף זמן של חול לזמן קדושת השבת), נעשה כבר בערב שבת המעמד ומצב ד„יום שכולו שבת", „משבית מזיקין מן העולם".


ד. ויש לומר דער ביאור אין דעם, ובהקדים אַ שאלה בנוגע צו כללות המשכן:

עשיית והקמת המשכן לה' איז געווען תלוי אין אַלע אידן — הן דער ציווי אויף נדבת המשכן איז געווען צו יעדער אידן („ויקחו לי תרומה גו' מאת כל איש"), אויך צו נשים („ויבואו הנשים על האנשים"[27]), ביז אַז אויך טף האָבן זיך משתתף געווען אין נדבת המשכן[33]; און אויך דער ציווי אויף עשיית המשכן („ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[34]) איז אַ חיוב אויף יעדער אידן — ווי דער רמב"ם שרייבט[35]: „הכל חייבין לבנות ולסעד בעצמן ובממונם, אנשים ונשים כמקדש המדבר".

דאַרף מען פאַרשטיין:

דורך דעם משכן האָט זיך אויפגעטאָן אַ חידוש נפלא — וואָס איז ביז דעמולט ניט געווען — אַז אין אַ בית גשמי למטה זאָל זיין „ושכנתי בתוכם". ווי דער נביא איז מפליא[36] — „השמים ושמי השמים לא יכלכלוך", און דוקא „הבית הזה" אָט דאָרט איז השראת השכינה, „ונועדתי שמה לבני ישראל גו'"[37]!

לויט דעם האָט לכאורה געדאַרפט זיין, אַז בכדי אויפצובויען אַ משכן לה' (וואו עס זאָל זיין „ושכנתי בתוכם") דאַרף מען אָנקומען דוקא צו אנשים נעלים ביותר צווישן אידן, וואָס האָבן בכח צו מאַכן אַזאַ בית וואו די שכינה זאָל רוען און נתגלה ווערן,

[ווי דאָס איז געווען בנוגע צו עצם עשיית המשכן, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען דורך בצלאל און „וימלא אותו רוח אלקים גו'"[38], ע"פ הוראות משה רבינו וואָס ער האָט געהערט פון דעם אויבערשטן אַליין, ועוד יותר — „ככל אשר אני מראה אותך גו' כן תעשו"[39]].

אעפ"כ זאָגט תורה, אַז דער משכן איז תלוי דוקא אין דער נדבה ופעולה פון יעדער אידן — סיי אנשים און סיי נשים, און אויך טף! איז ווי האָט עס אַן איש פשוט, אַן אשה פשוטה, און אפילו אַ קליין קינד, דעם כח צו אויפטאָן אַזאַ חידוש אַז די שכינה זאָל שורה זיין אין אַ בית גשמי בעולם הזה הגשמי (ביז באופן פון „ושכנתי בתוכם", בתוך כל אחד ואחת מישראל[40]) — אַ זאַך וואָס קען ניט זיין אפילו אין „שמים ושמי השמים")?!

32) כי שאלה הא' אפשר לתרץ כמ"ש בראב"ע ריש פרשתנו „והתחיל בתחלה הנדבה הנכבד שהוא הזהב והשלים בנכבד אבני שוהם ואבני מילואים כי לא נמצאו רק אצל הנשיאים ולא כן הזהב כי ברוב הקהל נמצא".

33) אדר"נ פי"א, א. וראה צפע"נ מהדו"ת ג, ג.

34) פרשתנו כה, ח.

35) הל ביהב"ח פ"א הי"ב.

36) מ"א ח, כז. וראה המשך תרס"ו ע' תקלה. ובכ"מ.

37) תצוה כט, מג.

38) ויקהל לה, לא.

39) פרשתנו כה, ט.

40) אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו. של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. ובכ"מ.

ובפרט אַז דער „ויקחו לי תרומה" דאַרף זיין „לי לשמי"[41], אַזוי ווי דער „ועשו לי מקדש" דאַרף זיין „לשמי"[41], ד.ה. אַז נוסף אויף דער נתינה ועשי' ב־פועל, דאַרף זיין אויך די כוונה לשמה[42]. וואָס עבודה לשמה (ובפרט בתכלית ה־שלימות) איז ניטאָ ביי אַלע אידן, אנשים נשים וטף, ווי דער רמב"ם שרייבט[43] (אין הל' תשובה), ביז אַז די שלימות העבודה לשמה מתוך אהבה („לא מפני דבר בעולם כו' אלא עושה האמת מפני שהיא אמת") „היא מעלה גדולה מאד ואין כל חכם זוכה לה"[44].

ה. איז דער ביאור אין דעם:

דער ציווי אויף עשיית המשכן איז געקומען דוקא נאָך מתן תורה, און אַלס המשך צו מתן תורה — וואָס דעמולט האָט זיך אויפגעטאָן דער „ובנו בחרת מכל עם ולשון"[45], די בחירה פון דעם אויבערשטן אין יעדן אידן, און דוקא אין דעם גוף פון אַ אידן[46], אַז אויך זייענדיק אַ נשמה בגוף גשמי בעולם הזה הגשמי זאָל ער זיין „ממלכת כהנים וגוי קדוש"[47].

וכידוע[48] אַז ביז מתן תורה איז געווען די גזירה אַז עליונים לא ירדו לתח־תונים ותחתונים לא יעלו לעליונים, און באַ מתן תורה איז געווען דער ביטול הגזירה, און אידן, ווי זיי שטייען אין תחתונים — זיינען זיי (באמת) שטענדיק אין (אַ מצב פון) עליונים, מצד זייער „חלק אלוקה ממעל ממש"[49], וואָס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס ב־כולו[50], „ישראל וקוב"ה כולא חד"[51].

פון מתן תורה אָן — איז די מציאות פון יעדער אידן אַזאַ, אַז ניט קוקנדיק אויף זיין חיצוניות, איז „אע"פ שחטא ישראל הוא"[52], ער האָט „דאָס פינטעלע איד", וואָס מצד דעם איז ניט ער וויל און ניט ער קען זיין ח"ו אָפּגעריסן פון אלקות[53], וכפס"ד הרמב"ם[54] — אַז דער רצון אמיתי פון יעדער אידן איז צו מקיים זיין רצון ה', און דאָס וואָס עס זעט אַמאָל אויס אַנדערש, איז דאָס נאָר בחיצוניות מצד דעם וואָס „יצרו הוא שתקפו".

נאָכמער: אפילו אַזאַ איד וואָס האַלט נאָך ביי עבודה שלא לשמה — ברענגט דער רמב"ם[55] (פון חז"ל[56]), אַז „לעולם יעסוק אדם בתורה ואפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה", און זאָגט „לפיכך כשמלמדין את הקטנים ואת הנשים וכלל עמי הארץ אין מלמדין אותן אלא לעבוד מיראה כו' עד שתרבה דעתן ויתחכמו כו' ומרגילין אותן כו' עד שישיגוהו וידעוהו ויעבדוהו מאהבה", און דער טעם אויף דעם איז — ווייל „מתוך שלא לשמה", דער תוך און פני־מיות[57] פון דער (עבודה פון אַ אידן

41) פרש"י עה"פ.

42) ראה לקו"ש חט"ז ע' 287.

43) פי"י ה"א.

44) רמב"ם שם ה"ב.

45) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת שחרית. וקאי על מ"ת — ראה שו"ע אדה"ז או"ח ס"ס ס"ד.

46) תניא פמ"ט (סט, סע"ב ואילך).

47) יתרו יט, ו.

48) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

49) תניא רפ"ב.

50) כש"ט בהוספות סקט"ז. ושי"נ.

51) ראה זח"ג עג, א.

52) סנהדרין מד, רע"א.

53) „היום יום" כ"ה תמוז.

54) הל' גירושין ספ"ב.

55) הל' תשובה שם ה"ה. וכן בהל' ת"ת פ"ג ה"ה. טושו"ע יו"ד סרמ"ו ס"כ. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג.

56) פסחים נ, ב. ושי"נ. ירוש' חגיגה פ"א ה"ז.

57) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 167. ועוד.

אפילו) „שלא לשמה" (תחתונים) איז — „לשמה" (עליונים).

לויט דעם איז מובן ווי אַזוי יעדער איד — אנשים נשים וטף — האָט דעם ציווי וכח צו מאַכן דעם משכן לה', וואָס דאַרף זיין „לשמי" — ווייל דורך מתן תורה איז אַ איד געוואָרן אַ נייע מציאות, אַזאַ מציאות וואָס זייענדיק אַ נשמה בגוף למטה, און ניט קוקנדיק אויף זיין דרגא אין עבודה (אפילו אויב זי איז שלא לשמה), איז זיין „תוך" ופנימיות „לשמה", לשם ה', אָן קיין שום אַנדער טעם וענין, „לא מפני דבר בעולם ולא מפני יראת הרעה ולא כדי לירש הטובה, אלא עושה האמת מפני שהיא אמת". און דעריבער האָט ער בכח צו אויפמאַכן אַז אויך מציאות העולם (תחתונים) קען ווערן קדושה (עליונים), ביז — אַ „דירה לו יתברך בתחתונים"[58], אַ משכן ומקדש לה', אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט „ושכנתי בתוכם".

ו. עפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס „זהב" איז דער ערשטער פון די נדבות המשכן:

בשעת דער אויבערשטער (אין תורה) רעכנט אויס די נדבות וואָס אַ איד דאַרף ברענגען — הויבט ער אָן מיט „זהב", ווייל דערמיט ווערט אַרויסגעבראַכט (ניט סתם די חשיבות פון זהב מצ"ע (בלי כל שייכות צו נדבת המשכן ע"י ישראל), נאָר דאָס ברענגט אַרויס) די חשיבות ומעלה פון אַ אידן, אַז דער ערשטער — ראשון במעלה — פון זיינע נכסים (און במילא פון זיינע נדבות) איז „זהב", די טייערסטע און חשוב'סטע זאַך.

וואָרום די מציאות פון אַ איד — נאָך מתן תורה — איז אַזאַ, אַז אפילו זייענדיק למטה אין גשמיות העולם, וואו מ'דאַרף אָנקומען (ביים בויען אַ משכן) אויך צו כסף ונחושת וכו' (און בכמות — מער ווי צו זהב), איז ער צום אַלעם ערשטן אַן עשיר בעצם[59], אַ „בן מלך"[60], און נאָכמער — „מלך" אַליין[61], וואָס מציאותו איז (און אים געהערט) די טייערסטע זאַך — „זהב", ר"ת „זה הנותן בריא"[62] — דער נותן (דער איד) אויך ווי ער שטייט למטה, איז ער בתכלית השלימות פון בריאות, בגשמיות וברוחניות.

נאָכמער: נוסף אויף דעם וואָס די הקדמה פון זהב ברענגט אַרויס די מעלה וחשיבות פון אידן בכלל — איז דאָס נוגע במיוחד אין דעם ענין גופא פון „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", וואָרום דער כח צו אויפמאַכן „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" קומט דורך אַ אידן, וואָס אויך זייענדיק למטה איז ער „עליונים", בדרגת „זהב".

אויב מ'רעדט נאָר ביחס צו דעם משכן און צו דעם אופן ווי אידן האָבן מנדב געווען אין משכן — דעמולט האָט כסף ונחושת אַ קדימה לגבי זהב (ווייל זיי זיינען מער מצוי באַ אידן, און זיינען

58) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו. ובכ"מ.

59) להעיר ממ"ש (מלאכי ג, יב) „כי תהיו אתם ארץ חפץ גו'", וידועה תורת הבעש"ט („היום יום" יז אייר): אַט אַזוי ווי די גרעסטע חכמים וועלען אייביג ניט דערגיין די גרויסע טבעיות'דיקע אוצרות, וועלכע השי"ת האָט טובע געווען בארץ, אַז הכל הי' מן העפר (קהלת ג, כ), אַט אַזוי קען קיינער ניט דערגיין די גרויסע אוצרות וואָס ליגען אין אידן, וואָס זיי זיינען דעם אויבערשטענס ב"ה ארץ חפץ.

60) ראה שבת סז, א.

61) ראה תקו"ז בהקדמה (א, ריש ע"ב).

62) ראה רבותינו בעה"ת ריש פרשתנו. פי' הרא"ש שם. אגרת הטיול (לאחיו של המהר"ל) חלק הרמז אות ז. תורה שלימה עה"פ פרשתנו כה, ג (אות לח).

געווען בריבוי יותר אין משכן, כנ"ל): אָבער בשעת מ'רעדט וועגן אידן, וואָס זיי מאַכן אויף דעם גאַנצן משכן — קומט לכל לראש דער ענין פון זהב, וויבאַלד אַז אַ איד, אויך זייענדיק אַ מציאות ל־מטה, איז צום אַלעם ערשטן שייך צו „זהב", וואָס דעריבער איז ער בכח צו מאַכן דעם משכן לה'.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס אידן האָבן דעמולט גע־האַט אַ ריבוי זהב וכסף אויך בפשטות — ווייל דאָס ווערט נשתלשל פון מעלתם, וואָס מצד עצם ענינם זיינען זיי עשירים (ברוחניות) בדרגת „זהב", ובמילא ווערט דערפון נשתלשל אויך עשירות בגש־מיות, אַ ריבוי זהב.

ועפ"ז יומתק אויך וואָס אין פ' ויקהל (וואו עס רעדט זיך וועגן נדבת ישראל בפועל) טיילט די תורה פאַנאַנדער די נדבה פון זהב און די נדבה פון כסף ונחושת אין צוויי באַזונדערע פסוקים: „ויבואו האנשים על הנשים כל נדיב לב הביאו חח גו' כל כלי זהב, וכל איש אשר הניף תנופת זהב לה'"[27], און צוויי פסוקים ווייטער (בהפסק הנדבות של תכלת גו') — „כל מרים תרומת כסף ונחושת גו'", ווי דער רמב"ן איז מבאר[19] „בעבור שהזכיר שם הנשים ואין להם כסף ונחושת רק הזהב בתכשיטין גו'" — ווייל זהב איז אַן אַנדער סוג באיכות פון כסף ונחושת און די אַנדערע נדבות — זהב באַווייזט אויף דער שלימות פון יעדער אידן, אנשים ונשים (און דערי־בער י"ל איז זהב געווען באַ ביידן, אפי־לו באַ די (נשים) וואָס האָבן ניט געהאַט כסף ונחושת).

ז. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות מיט חודש אדר (וואָס בהתחלת החודש לייענט מען פ' תרומה). ובה־הקדים:

אויף דברי הגמרא אַז בחודש אדר איז „בריא מזלי'" פון אַ אידן — שטעלט זיך די שאלה: חז"ל זאָגן[63] דאָך אַז „אין מזל לישראל"[64]?

לכאורה וואָלט מען געקענט ענט־פערן לויט דברי רש"י אויף „אין מזל לישראל" — „דעל ידי תפלה וזכות משתנה מזלו לטובה"[65]. דאָס הייסט, אַז אידן האָבן אַ מזל, אָבער דורך אַ כח חזק יותר (תפלה וזכות) קען מזלם נשתנה ווערן לטובה. דאָס איז אָבער ניט קיין ביאור מספיק בנוגע לחודש אדר — ווייל „בריא מזלי'" איז בפשטות דער טייטש, ניט אַז דורך אַ כח שני (תפלה וזכות) ווערט דער מזל נשתנה, נאָר אַז דער מזל מצד עצמו (בחודש אדר) איז „בריא".

ויש לומר הביאור בזה:

בעצם, מצד שרשם למעלה, זיינען אידן כלל ניט אונטער דער שליטה פון מזלות ח"ו, כמ"ש[66] „אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה".

דער חידוש פון אַ אידן איז אָבער נאָכמער, אַז אפילו ווי ער קומט אַראָפּ אַלס אַ נשמה בגוף אין עולם הטבע, און גופו איז „נדמה בחומריותו לגופי אוה"ע"[66] (וואָס ווערן אָנגעפירט דורך

(63) שבת קנו, סע"א.

(64) בחדא"ג מהרש"א „גם שאמרו אין מזל לישראל, מ"מ מגלגלין זכות ליום זכאי כו'" (ולכן „בר ישראל דאית לי' דינא בהדי נכרי כו' לימצי נפשי' באדר"). אבל בגמרא מפורש הלשון ש„בריא מזלי'".

(65) ובתוס' שם (ד"ה אין מזל): על ידי זכות גדול משתנה, אבל פעמים שאין המזל משתנה, כדאמר ביבמות פרק החולץ (נ, א) זכה מוסיפין לו לא זכה פוחתין לו.

(66) ירמי' י"ד, ב.

מזלות), איז ער אויך דאָ אין אַ מצב פון „אין מזל לישראל". און דערפאַר טאַקע האָט ער בכח – על ידי תפלה וזכות – אַז זיין מזל זאָל נשתנה ווערן לטובה) אָבער דאָס איז נאָך אַלץ מצד אַ כח עליון יותר (תפלה וזכות), ניט דער מזל מצ"ע.

דער חידוש פון חודש אדר איז נאָכ־מער: אפילו ווי אַ איד, אַ יחידי״, איז דאָ למטה פאַרבונדן מיט ענין המזל, און געפינט זיך אין אַ וועלט וואו „אית לי' דינא בהדי נכרי" (ביז אַז אין חודש אב דאַרף ער זיך דערפון משתמט זיין „דריע מזלי״") – איז אין חודש אדר „בריא מזלי״", גלייך אַריינגייענדיק אין דעם חודש (אפילו בלי שום עבודה מצדו), איז דער מזל מצ"ע „בריא", ביז אַז אפילו אַ ניט־איד דערזעט און דע־הערט דאָס.

ויש להוסיף לויטן פירוש הפנימי״ פון „אין מזל לישראל", אַז „מזל ישראל" איז בחי' אין (ביטול). און דער חידוש בדבר איז, אַז דאָס איז אַזוי ניט נאָר למעלה, נאָר דער מזל (בחי' אין) איז נחלי״ ונמשך למטה, אַז אויך ווי אַ איד געפינט זיך למטה בעולם המזלות, און „אית לי' דינא בהדי נכרי", איז זיין מזל – בחי' אין (ביטול לה'), כמדובר לעיל (ס"ה) אַז דער רצון פנימי פון אַ אידן איז צו מקיים זיין רצון ה', ביז אַז דאָס קומט אַרויס אין דעם אַז „בריא מזלי״", זיין מזל איז געזונט און שטאַרק אויך לעיני בשר (אפילו צו אוה"ע).

ח. עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק די שייכות פון חודש אדר מיט פ' תרומה:

באַ נדבת ועשיית המשכן איז אַרויס בגלוי (דער כח וואָס מ'האָט באַקומען באַ מ"ת) אַז אַ איד ווי ער איז למעלה (אין עליונים) אַזוי שטייט ער אויך למטה בתחתונים, אַז זיין מציאות (אויך אין אַ וועלט וואו גכסים זיינען תופס מקום) איז בדרגת „זהב", „זה הנותן בריא". און דאָס גיט דעם כח אַז בחודש אדר – ווען ס'איז געווען סיום עשיית המשכן (און דערנאָך – הקמת המשכן בז' ימי המילואים – בסיום חודש אדר, כ"ג אדר ביז ר"ח ניסן) – זאָל זיין „בריא מזלי״" פון אַ אידן, אַז אויך ווי ער איז פאַר־בונדן מיט דער דרגא פון „מזל" (תח־תונים), שטייט ער אין אַן אופן „בריא", „זה הנותן בריא".

ט. ויש לומר אַז דאָס איז אויך די שייכות דערמיט וואָס „משנכנס אדר מרבין בשמחה" (וואָס קומט אין איין המשך בגמרא מיט „בריא מזלי״"):

די גרעסטע שמחה וואָס קען זיין ביי אַ אידן איז, בשעת ער ווייס אַז בכל מצב וואו נאָר ער געפינט זיך – אפילו למטה מטה, אין אַ וועלט וואָס בחיצו־ניות זעט זי אויס ווי אַ העלם והסתר אויף אלקות – איז דער איד פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן״, וואָרום אפילו ווי ער שטייט למטה אַ נשמה בגוף, איז ער דער „בן יחיד" פון מלך מלכי ה־

---

67) ראה חדא"ג מהרש"א שבת שם, שהפלוגתא בגמרא (באם יש מזל לישראל או אין מזל ישראל) הוא בנוגע ליחיד בישראל (ולא בנוגע לכלל ישראל).

68) אר"ת להה"מ מט, ג. סב, ב. חנוך לנער ע' 48.

69) „מזל" מלשון נוזל (לקו"ת האזינו עא, ד. ובכ"מ).

70) ראה תניא ספל"ג: ישמח ישראל בעושיו פי' שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתוני' שהם בחי' עש"י גשמיית ממש.

מלכים הקב"ה, און דער אויבערשטער זאָגט אַז דער ערשטער פון די נכסים פון אַ אידן איז – "זהב", ד.ה. אַז אויך אין דער וועלט וואו נכסים גשמיים זיינען תופס מקום, איז יעדער איד אַן עשיר, ברוחניות און בגשמיות!

לויט דעם איז נאָך מער פאַרשטאַנדיק דאָס וואָס די גמרא פאַרגלייכט "משנכנס אדר מרבין בשמחה" מיט "משנכנס אב ממעטין בשמחה" – ווייל דער חידוש אין דעם איז, אַז אפילו אין אַ דרגא פון חושך למטה (וואָס דערפאַר "ממעטין בשמחה"), האָט מען בכח פון חודש אדר דאָס צו מהפך זיין, כנ"ל (ס"א).

און בשעת אַ איד איז זיך אין דעם מתבונן ברענגט עס אים צו אַ שמחה גדולה ביותר, און אַזאַ שמחה וואָס מאַכט אויך איבער זיין גשמיות'דיקע לעבן, ווי ער לעבט אין עולם הזה לויט די גדרים פון טבע העולם:

די תכונה פון שמחה איז, אַז זי פועל'ט און נעמט דורך אַלע ענינים פון אַ מענטשן. בשעת אַ מענטש איז שמח – לעבט ער אַליין אַ פריילעכן לעבן, אַ פריילעכקייט וואָס ווירקט אויף אַלע זיינע טועכצן און אין אַלץ וואָס ער קומט אין באַרירונג, און ער איז אויך משמח אַנדערע אַרום אים. וואָס די שמחה גיט אַריין מער הצלחה אין אַלע זיינע פעולות און זיין גאַנצן לעבן – ווי מ'זעט במוחש.

דאָס הייסט, אַז נוסף אויף דעם וואָס דורך שמחה ווערט מען אַ "בן עולם הבא" (כמאחז"ל[71] הנהו בדחי – ששמחים ומשמחים בני אדם – "בני עלמא דאתי נינהו") – ווערט ער אויך אַן אמת'ער "בן עולם הזה", אַז זיין לעבן אין עולם הזה איז אַן אמת'ער, פריילעכער און הצלחה'דיקער לעבן.

י. דער ענין שטייט נאָכמער בהדגשה אין דער קביעות פון ראש חודש אדר בשנה זו – ביום ג' וד':

די גמרא זאָגט[72]: "גימ"ל דל"ת – גמול דלים". דאָס הייסט, אַז אפילו ווי מ'שטייט אין אַ מצב פון "דלים", ווערט אויך נמשך דער גמול והשפעה מלמעלה, אַזוי אַז עס ווערט דער חיבור פון ג' ד' צוזאַמען – "גד", וואָס פירושו איז מזל[73] – "בריא מזלי", ביז באופן פון "זהב", "זה הנותן בריא".

ובפרטיות יותר יש לומר – אַז אויך דער ענין פון "(גמול) דלים" באַווייזט אויף דעם עילוי פון אַ אידן, וואָס האָט זיך אויפגעטאָן באַ מתן תורה.

ובהקדים דעם דיוק הלשון "גמול דלים" דוקא און ניט "גמול רשים"[74]. דלכאורה: דאַרפן "רשים" אָנקומען צו "גמול" נאָכמער ווי "דלים" – כידוע[75] אַז אע"פ וואָס דלי"ת און רי"ש זיינען ביידע פאַרבונדן מיט ענין הדלות ועניות, איז רי"ש (ולרש אין כל[76]) אַן ענין פון דלי דלות, נידעריקער פאַר דלות?

ויש לומר דעם ביאור בזה[77]: דער

71) תענית כב, א.

72) שבת קד, א.

73) פרש"י ויצא ל, יא.

74) דאף ש"גמול דלים" הוא פירוש הגמרא בר"ת של אותיות ג' ד' (הסמוכות זל"ז), הרי מכיון שכל ענין בתורה הוא בתכלית הדיוק, מובן, שסמיכות ג' וד' אינו באקראי ח"ו, אלא היא מפני הענין ד"גמול דלים" דוקא (ולא "רשים").

75) תו"א מג"א קיח, סע"א (מפרדס שער כז פ"ג). ובכ"מ.

76) ש"ב יב, ג.

77) בהבא לקמן – ראה תו"א שם. וראה בארוכה ספר הערכים-חב"ד מערכת אותיות – אות ד' (ע' תיז ואילך), ואות ר' (ע' שסא ואילך). וש"נ.

אונטערשייד צווישן דל"ת און רי"ש איז אויך מרומז אין צורת האות: צורת אות דל"ת איז ענליך צו צורת אות רי"ש (אַ רגל ימיני מיט אַ גג למעלה), אָבער — מיט אַ הוספה פון דעם עוקץ (נקודה) מאחורי הגג. וואָס די נקודה — באַווייזט אויף דעם ענין הביטול, וואָס פאַרבינדט דעם מקבל (מלכות, דלית לה מגרמה כלום[78]) מיט דעם משפיע (יסוד), אַזוי אַז עס זאָל זיין „גמול דלים".

ובעבודה — גייט די נקודה אויף דער נקודת היהדות וואָס איז דאָ אין יעדער אידן, בכל מצב שהוא, וואָס פאַרבינדט אים מיט דעם „גמול" (השפעה) מלמעלה.

ויש לומר אַז דער ענין פון „(גמול) דלים" — אַז אפילו ווי אַ איד שטייט אין מצב פון „דל", האָט ער די נקודה מאחו־ריו בתכלית השלימות — האָט זיך אויפ־געטאָן בּאַ מתן תורה, כמדובר לעיל אַז דעמולט איז געווען דער ביטול הגזירה בין עליונים ותחתונים, און ס'איז געווען דער „ובנו בחרת" אין אידן אַלס נשמות בגופים למטה, וואָס פון דעמולט אָן איז שוין מערניט שייך בּאַ אידן דער ענין פון רי"ש, „רשים"[79].

דאָס הייסט: פאַר מתן תורה איז אויך געווען דער ענין ווי אלקות ווערט נמשך למטה, אָבער דעמולט איז דאָס געווען אין אַן אופן פון „גמול רשים", אַז תחתו־נים (רשים) בלייבן אַ באַזונדער זאַך פון עליונים (גמול), משא"כ בּאַ מ"ת האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין פון „גמול דלים", חיבור עליונים ותחתונים.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „גר" ר"ת „גמול רשים": פאַר מתן תורה האָט משה געזאָגט[80] „גר הייתי בארץ נכרי". ד.ה. אַז ער איז דאָרטן געווען בלויז ווי אַ „גר" (אַ פרעמדער) צוליב זיין פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן, אָבער — „הייתי בארץ נכרי". משא"כ נאָך מתן תורה איז ניט שייך די גאַנצע מציאות פון „הייתי בארץ נכרי", ער זאָל האָבן אַ שייכות (אפילו אַלס גר) מיט דעם (ארץ מלשון) רצון פון אַ נכרי ח"ו, כפס"ד הרמב"ם הנ"ל אַז דער רצון אמיתי פון אַ איד איז צו מקיים זיין רצון ה' („רוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן ה־עבירות") — ווייל ביי אים איז דאָ די נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הדל"ת) בשלימות.

יא. דער לימוד פון דעם אַלעם:

צום אַלעם ערשטן לערנט מען דער־פון אַרויס — אַז דער אויבערשטער פסק'נט אָפּ בתורתו הקדושה, התורה הנצחית לכל הדורות ובכל המקומות — אַז יעדער איד איז לכל לראש שייך צו „זהב". ובפשטות — אַז יעדער איד דאַרף האָבן עשירות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות — עשירות בפשטות ממש!

נאָכמער: ניט נאָר וואָס ער דאַרף דאָס האָבן — נאָר יעדער איד האָט עשי־רות בפועל. און אפילו אויב דאָס שטייט ניט בגלוי ובגשמיות — איז דאָס ניט דערפאַר וואָס דאָס איז ניטאָ ח"ו, נאָר ווייל אַ איד דאַרף דאָס מגלה זיין דורך זיין עבודה. ואדרבה: דורך דעם וואָס מ'איז דאָס מגלה מתוך החושך — ווערט עס באופן פון יתרון האור מן החושך[81], אַ תוספת ריבוי של שפע רב פון גשמי

78) ראה זח"א לג, ב. רמט, ב. ח"ב רטו, א. ועוד.

79) ואף שמצינו קרבן במצב של דלי דלות (ויקרא ה, יא. וראה תו"א שם) — אולי י"ל, כי זהו קרבן על חטא, ש„יצרו הוא שתקפו".

80) שמות ב, כב.

81) קהלת ב, יג.

ברכה, באופן של תגבורת החיות[82], אַז מ'וועט פאַרפּלייצט מיט גשמי ברכה אך ורק למעליותא, ביז אַז דאָס איז אויך מהפך די פאַרפלייצונגען שלא ל־מעליותא צו פאַרפלייצונגען דטוב וקדו־שה (ביז — אַלס הכנה צו „מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים"[83]).

ועאכו"כ בדורנו זה — דער דור ה־אחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה — לאחרי וואָס מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, און עס דאַרף נאָר זיין קבלת פני משיח צדקנו בפועל — איז זיכער אַז דער אויבערשטער בענטשט יעדער איד מיט עשירות בזהב בגשמיות וברוחניות, ביז באופן (ווי ס'איז געווען „כימי צאתך מארץ מצרים" אַזוי איז אויך איצטער „אראנו נפלאות"[84]) — אַז „אין לך כל אחד אחד מישראל שלא היו עמו תשעים[85] חמורים לובים טעונים מכספה וזהבה של מצרים".

האָט מען דערפון גלייך די הוראה — אַז אַ איד דאַרף זיך משתדל זיין צו זיין אַן עשיר בפועל בכל הענינים, אָנהויבנ־דיק פון — עשירות אין רוחניות, אין עשיר אלא בדעת[86], ער זאָל זיין רייך אין תורה ומצוות, ביז אויך — עשירות בגשמיות, בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין תורה ומצוות במנוחת הנפש ומנוחת הגוף (כפס"ד הרמב"ם[87]), און קענען מרבה זיין אין נתינת הצדקה און קיום המצוות בהידור, והידור לפנים מהידור וכו', ובכלל — צו אויסנוצן די עשירות („זהב כסף ונחושת וגו'") אויף מאַכן פון דער אייגענער שטוב אַ משכן ומקדש לה' (ושכנתי בתוכם בתוך כל א' וא'), כולל — אויך דורך געבן צדקה אויף אויפבויען אַ בית הכנסת ובית המדרש כפשוטו, „מקדש מעט"[88].

יב. ועוד והוא העיקר — בענין שה־זמן גרמא — אויפבויען דעם בית ה־מקדש השלישי בפשטות ממש:

לאחרי כל הפירושים אין דעם פסוק „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", כולל דעם פירוש „בתוך כל א' וא'" — איז דאָך אין מקרא יוצא מדי פשוטו[89], לכל לראש איז דער פירוש בזה בנוגע להלכה למעשה — אַז אידן האָבן דעם חיוב צו אויפבויען דעם בית המקדש.

ובנוגע אלינו מיינט עס — צו אויפ־בויען דעם בית המקדש השלישי, ב־פשטות ממש, כפס"ד הרמב"ם[90] אַז דאָס וועט אויפגעבויט ווערן דורך משיח צדקנו, „ובנה מקדש במקומו"[91], ועפ"פ דברי הרמב"ם „הכל חייבין לבנות ו־לסעד בעצמן ובממונם, אנשים ונשים כמקדש המדבר" (כנ"ל), איז מובן אַז אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צום בית שלישי, אַז יעדער איד וועט זיך אין דעם משתתף זיין ע"י נדבותיו, אנשים נשים, ויש לומר — אויך טף (ווי ס'איז געווען בנדבת המשכן).

ובפרט אַז בדורנו זה האָט מען שוין מחנך געווען און איינגעוויאוינט — און

82) ולהעיר מהשייכות לאדר (שהוא בתקופת גשמים) — „אדר פירושו תוקף וגבורה, כמו אדיר במרום ה', ובביצה פ"ב דט"ו ע"ב הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר, שנאמר אדיר במרום ה' כו'" (לקוטי לוי"צ על פסוקי תנ"ך ומארז"ל ריש ע' צט).

83) ישעי' יא, ט. רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

84) מיכה ז, טו.

85) ולהעיר מהשייכות לשנת הצדי"ק. וראה עיון יעקב לעי' בכורות ה, ב.

86) ראה כתובות סח, א. וראה נדרים מא, א.

87) הל' תשובה רפ"ט.

88) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

89) שבת סג, א. ושי"נ.

90) הל' מלכים רפי"א ובסופו. וראה לקו"ש חי"ח ע' 418 ואילך. ושי"נ.

91) ל' הרמב"ם שם ספי"א.

מ'איז ממשיך בזה — קליינע אידישע קינדער צו געבן צדקה: נוסף אויף צו מאַכן זיי שלוחים צו אָפּגעבן צדקה, גיט מען זיי אויך געלט וואָס ווערט זייערע געלט, בכדי אַז זיי זאָלן געבן פון די אייגענע געלט לצדקה.

יג. דערצו האָט מען אויך דעם לימוד בפשטות פון דעם וואָס „משנכנס אדר מרבין בשמחה" (וואָס קומט בהוספה אויף דעם ציווי וחיוב כללי בכל ימי השנה פון „עבדו את ה' בשמחה"[92], „עבדת את ה"א בשמחה ובטוב לבב"[93], ופס"ד הרמ"א (בסוף חלק או"ח): „טוב לב משתה תמיד"):

שטייענדיק בײַ דער פתיחה פון חודש אדר, און בשנה זו — פון צוויי חדשי אדר, אדר ראשון ושני — ועפ"ז הידועי[94] אַז די פתיחה פון אַ זאַך האָט אַ כח מיוחד, וואָס עפּנט אויף דעם צינור אויף דער שמחה במשך אַלע טעג פון די חדשי אדר בשנה זו — דאַרף מען גלייך אָנשעפּן כחות פון דער פתיחה וכניסה („משנכנס אדר") צו מרבה זיין בכל עניני שמחה.

דורך דעם וואָס יעדערער און יעדערע נעמט גלייך אָן החלטות טובות און ברענגט זיי גלייך אַראָפּ לפועל — צו זיך משתדל זיין בכל האופנים צו מוסיף און מרבה זיין אין דברים המשמחים, אָנהויבנדיק נאָך ביום זה באופן המותר בשבת [ובפרט אַז „וביום שמחתכם אלו השבתות"[95]], און דערנאָך — באופן פון מוסיף והולך ואור ושמח בכל יום ויום פון די צוויי חדשי אדר, יעדער טאָג מוסיף זיין נאָכמער אין עניני שמחה [כידועי[96] אַז בײַ שמחה דאַרף בכל יום זיין אַ חידוש — אַ „פנים חדשות"].

ועפ"פ הכלל בכל עניני טוב וקדושה, אַז כל המקדים הרי זה משובח וכל המרבה הרי זה משובח — עאכו"כ אַז אַזוי דאַרף זיין בנוגע צו עניני שמחה, וואָס מצ"ע זיינען זיי באופן פון פורץ גדרי[97], ועאכו"כ „מרבין בשמחה" בחודש אדר, ועאכו"כ — באופן אַז בכל יום קומט צו נאָכמער שמחה לגבי די ימים שלפנ"ז.

ובפשטות:

יעדער איד זאָל מוסיף זיין אין כל עניני שמחה, הן בנוגע צו זיך אַליין, און הן בנוגע צו משמח זיין אַנדערע (כידועי[98] אַז שלימות ענין השמחה איז דוקא מיט אַנדערע צוזאַמען).

ולכל לראש — דורך מוסיף זיין אין „פקודי ה' ישרים משמחי לב"[99], לימוד התורה, נגלה דתורה און בפרט פנימיות התורה, און תלמוד גדול שמביא לידי מעשה[100] — קיום המצוות בהידור.

ועוד וג"ז עיקר — אַז דורך מרבין בשמחה בתומ"צ זאָל עס אַרויסקומען אויך אין מרבין בשמחה בפשטות, אויך אין און דורך ענינים גשמיים [כמדובר לעיל, אַז דער אויפטו פון אדר איז אַז אויך אין דער וועלט זאָל זיין „בריא מזלי"] — ווי אָנגעוויזן ע"פ השולחן ערוך. און אויך אין דעם זאָל עס זיין סיי בנוגע צו משמח זיין זיך אַליין, און

---

92) תהלים ק, ב.
93) תבוא כח, מז.
94) ראה לקו"ש ח"כ ס"ע 74 ואילך. ושי"נ.
95) ספרי בהעלותך י, י.
96) כתובות ז, סע"ב. טושו"ע אהע"ז סס"ב ס"ז ואילך.
97) ראה סה"מ תרנ"ז ס"ע רכג ואילך.
98) ראה רמב"ם הל' יו"ט פ"ו הי"ח.
99) תהלים יט, ט.
100) מגילה כז, א. קידושין מ, ב.

סיי אַנדערע, אָנהויבנדיק פון זיינע בני בית — דער בעל זאָל מוסיף זיין אין משמח זיין את אשתו, און עלטערן זאָלן מוסיף זיין אין משמח זיין זייערע קינדער, מיט ענינים וואָס זיינען זיי מ־שמח (לויט זייער טבע), ווי אָפּגעפּסק'נט אין שולחן ערוך[101],

[ובפרט אַז דער פאָטער [וועט משמח זיין די קינדער, ווי מ'זעט בפועל אַז דורך דעם וואָס ער איז משמח זיינע קינדער, קומט אַמאָל צו נאָכמער שמחה באַ זיי, וואָרום זיי זעען ווי ער קען זיי אַמאָל זאָגן אַ שווערער וואָרט (צוליב חינוך), אָבער באופן אַז דאָס ברענגט דערנאָך אַ הוספה יתירה אין זיין חביבות צו זיי].

און אויך — מוסיף זיין אין משמח זיין אַנדערע אידן אַרום אים (כמדובר לעיל, אַז דורך דעם ווערט ער אַ בן עוה"ב ובן עוה"ז).

יד. ויהי רצון, אַז דורך דער הוספה וריבוי אין שמחה — זאָל דאָס שוין פורץ זיין אַלע גדרים, אָנהויבנדיק פון די לעצטע גדרים וואָס זיינען געבליבן פון גלות, און זיי מהפך זיין אויף טוב וקדושה,

ובעיקר — פורץ זיין די גדרים פון דעם רגע האחרון אין גלות, אַז דאָס זאָל שוין ווערן דער רגע הראשון פון גאולה, וואָס דאָס קומט דורך מעשינו ועבודתינו בכלל, ובפרט מתוך שמחה, ובמיוחד — דורך דער עבודה פון די נשים צדקניות בישראל, וואָס בזכותן וועט קומען די גאולה (ווי ס'איז געווען בגאולת מצרים)[102],

ובפרט די נשים צדקניות וואָס זיינען אומגעקומען — ל"ע — אויף קידוש השם, פאַר קיין אידן געדאַכט. . . ויהי רצון אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער פאַל פון אַזאַ זאַך און פון ענין הפטירה בכלל. און מכאן ולהבא זאָל נאָר זיין אריכות ימים ושנים טובות פאַר יעדער איד און פאַר אַלע אידן, אנשים נשים וטף, בתוך בריאות — ובפרט אַז „בריא מזלי'" ב־חודש אדר — בריאות בגשמיות וברוח־ניות,

ביז איבערגיין, בלי הפסק כלל, אין חיים נצחיים, בגאולה האמיתית וה־שלימה.

וזכותה תעמוד לכאו"א מישראל, און זיכער צו איר אַליין, אָנהויבנדיק פון דעם אַז עס זאָל שוין זיין „הקיצו ורננו שוכני עפר"[103], און די צדיקים וצדקניות שטייען אויף מיד[104].

ובמקום כל זה — וועט זיין „ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה" — ובפרט דורך דעם וואָס מ'האָט דערצו געמאַכט די הכנה וכלי דורך דער שמחה בזמן הזה מעין פון „ימלא שחוק פינו" [ע"י קיום המצוות בכלל, ובפרט דורך מצות תפילין, וואָס דורך דעם[105] ווערט „בדח טובא"[106], מעין פון „ימלא שחוק פינו"[107]], ובפרט זייענדיק אין דעם דור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואָס שמו „יוסף יצחק" איז מרמז אויף הוספה אין (יצחק מלשון) צחוק ושחוק ושמחה.

און אַלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[108], צוזאַמען מיט כספם

---

101) פסחים קט, א. רמב"ם שם. טושו"ע או"ח סתקכ"ט ס"ב. שו"ע אדה"ז שם ס"ז.

102) סוטה יא, ב.

103) ישעי' כו, יט.

104) ראה זח"א קמ, א.

105) ראה לקו"ש שבהערה 2. ושי"נ.

106) ברכות ל, סע"ב.

107) ראה שם לא, א.

108) בא י, ט.

וזהבם אתם[109], צוזאַמען מיט אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ[110] — גייען אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי והמשולש, ותיכף ומיד ממש.

109) ישעי' ס, ט.

110) ראה מגילה כט, א.



משיחות (ליל ויום) ג', (ליל ויום) ועש"ק וש"ק פ' תצוה, ז', יו"ד וי"א אדר ראשון ה'תשנ"ב

א. פרשת תצוה היא הפרשה היחידה בתורה[1] לאחרי לידת משה בשבעה ב־אדר[2] (ראשון[3]) שלא נתפרש בה שמו של משה.

ומצינו שתי טעמים בדבר: (א) כיון שבשבעה באדר (ראשון[4]) מת משה[2], נרמז זמן הסתלקותו בכך שלא נזכר שמו בפרשה בתורה שקריאתה בסמיכות לזמן הסתלקותו[5]. (ב) כיון שאמר משה „ואם אין מחני נא מספרך"[6], ו„קללת חכם אפילו על תנאי (ולא נתקיים התנאי) באה"[7], לכן, אף שהקב"ה נענה לבקשתו (ובמילא לא נתקיים התנאי), מ"מ, נתקיים ה„מחני" מפרשה אחת בתורה[8].

ובשתי הטעמים — דרוש ביאור ו־הסבר[9]:

א) בנוגע להטעם דמיתת משה ב־שבעה באדר — כיון ש„בשבעה באדר מת ובשבעה באדר נולד", „כדאי (הוא יומו[10]) הלידה שתכפר על המיתה"[11] [כ־מודגש בביטול שמחת המן (וגזירתו כו') כש„נפל . . פור בירח שמת בו משה", כיון ש„לא הי' יודע שבשבעה באדר מת ובשבעה באדר נולד"[2]], למה נקבע בתורה הרמז על זמן מיתתו של משה (ע"י שלא נתפרש שמו) ולא על זמן לידתו שמכפר על המיתה[12]?

ב) בנוגע להטעם דאמירת „מחני נא מספרך"[13] — כיון שאמירה זו (היתה ל־אחרי י"ז תמוז[14], ו)נכתבה בתורה בפר־שת תשא (שלאחרי פרשת תצוה), למה נרמז קיומה (בסמיכות לשבעה באדר, ו)בפרשת תצוה[15] (ובפרט להדעות[16] ש־פרשת תצוה נאמרה לפני חטא העגל)?

---

1) „עד משנה תורה" (פי' הרא"ש), שבכמה פרשיות (עקב, ראה, שופטים, תצא ונצבים) לא נזכר שמו של משה. ויש לומר, שכיון ש„משנה תורה" הו"ע אחד והמשך אחד, „אלה הדברים אשר דבר משה גו'" שבסוף שנת הארבעים סמוך למיתתו, חזר על כל דברי התורה (בכל הפרשיות שבד' הספרים) ובאופן ש„מדבר בעד עצמו" (ולא כ„שלישי ה־מדבר" כבספרים שלפנ"ז (פתיחת הרמב"ן עה"ת)) — ה"ז נחשב (בענין זה) כמו פרשה אחת שבתחילתה ובראשיתה נזכר שמו של משה (ראה לקו"ש ח"ב ע' 675).

2) מגילה יג, ב.

3) ראה סוטה יב, ב: „אותה שנה (שנולד משה) מעוברת היתה" (ונולד באדר ראשון). וראה לקו"ש חכ"ו ע' 204 (פרטי הדעות והשקו"ט בזה).

4) ראה מכילתא בשלח טז, לה: „שנת עיבור היתה" (ומת באדר ראשון). וראה לקו"ש חט"ז ע' 342 (פרטי הדעות והשקו"ט בזה).

5) מאור עינים פרשתנו. ועוד.

6) תשא לב, לב.

7) מכות יא, סע"א ובפרש"י.

8) פי' הרא"ש ובעה"ט ריש פרשתנו. וכ"ה ב־רבותינו בעה"ת ובחיי תשא שם. זו"ח שה"ש בתחלתו (ס, ג). וראה זח"ג רמו, א.

9) ויש לומר, שלכן יש צורך בב' הטעמים (ובלשון הגמרא: „וצריכא"), דיש בזה מה שאין בזה.

10) כ"ה גירסת רש"י שבע"י.

11) מגילה שם ובפרש"י. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ו בתחלתו.

12) ראה עד"ז לקו"ש חט"ז ע' 343 ואילך — בנוגע לקביעת ז' אדר ליום תענית (בגלל מיתת משה), ולא ליום שמחה (בגלל לידת משה).

13) ראה גם לקו"ש חכ"א ע' 173, ובהערות שם.

14) „בי"ז בתמוז נשתברו הלוחות, ובי"ח שרף את העגל ודן את החוטאים, ובי"ט עלה (לבקש רחמים), שנאמר (תשא לב, ל) ויהי ממחרת ויאמר משה אל העם וגו'" (פרש"י שם לג, יא) — ובהמשך לזה אמר „ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא".

15) ראה לקמן הערה 17.

16) זח"ב קצה, א. רכד, א. רמב"ן ר"פ ויקהל. וכן משמע מרמב"ן וראב"ע ר"פ תרומה.

ג) גם צריך להבין הקשר והשייכות דב׳ הטעמים זל״ז, שלהיותם טעמים על אותו ענין, מסתבר לומר שיש קשר ושייכות ביניהם[17], כדלקמן.

ב. ויובן בהקדים הביאור בגודל העילוי דלידת משה בשבעה באדר (יום שמחה[18]) שפועל על כל חודש אדר:

בנוגע לחודש אדר — איתא בגמרא[2] „כיון שנפל פור בחודש אדר שמח (המן) שמחה גדולה, אמר נפל לי פור בירח שמת בו משה, ולא הי׳ יודע שבשבעה באדר מת ובשבעה באדר נולד", היינו, שלידת משה בשבעה באדר פועלת ביטול והפיכת גזירת המן בחודש אדר, באופן ש„החודש גו׳ נהפך גו׳ לשמחה"[19], ולכן „משנכנס אדר מרבין בשמחה"[20], ו„אדר (ד)בריא (תקיף[21]) מזלי"[22] — מעלה מיוחדת בחודש אדר שלא מצינו דוגמתה בשאר חדשי השנה.

וצריך להבין:

מפשטות דברי הגמרא מוכח רק שלידת משה בחודש אדר מבטלת (ומכפרת על) הענין הבלתי־רצוי שבמיתתו בחודש זה (שבגלל זה הי׳ המן „שמח שמחה גדולה"), ולכאורה אין ראי׳ שבגלל זה תגדל מעלתו של חודש זה יותר מכל שאר חדשי השנה?

שאלה זו מתחזקת יותר ע״פ המבואר במדרשי חז״ל פרטי הענינים דהגורל דהמן:

„כשאמר[23] המן הרשע לאבד את ישראל אמר היאך אני שולט בהן הריני מפיל גורלות . . התחיל בחודש ניסן ועלה בו זכות פסח, באייר זכות פסח קטן וכו׳", והולך ומונה הזכויות של כל י״א חדשי השנה, עד ש„עלה ראש חודש אדר ולא מצא בו שום זכות", „חזר ובדק במזלות, טלה זכות פסח . . שור נמצא זכות יוסף וכו׳", והולך ומונה זכות המזלות דכל י״א חדשי השנה, עד ש„בא לו מזל דגים שהוא משמש בחודש אדר ולא נמצא לו זכות[24], ושמח מיד ואמר, אדר אין לו זכות ומזלו אין לו זכות, ולא עוד אלא שבאדר מת משה רבן[25], והוא לא ידע שבאחד[26] באדר מת משה ובב־

---

17) בהשקפה ראשונה יש לומר, שהשייכות שביניהם היא בצירופם יחד — שהקיום ד„מחני" הוא בפרשה שקורין בסמיכות לזמן מיתת משה* (ועפ״ז תתורץ השאלה למה נקבע בפרשת תצוה דוקא). אבל, מסתבר יותר לומר שיש גם קשר ושייכות בתוכנם של ב׳ הטעמים — מיתת משה בשבעה באדר, ואמירתו „מחני נא".

18) ראה נזיר יד, א ובתוד״ה אמר. ועד״ז בפי׳ הרא״ש שם.

19) אסתר ט, כב. — ולהעיר, שמפסוק זה למדים ש„כל החודש כשר לקריאת המגילה" (ירושלמי מגילה פ״א ה״א — הובא בשו״ע או״ח סתרפ״ח וברמ״א שם).

20) תענית כט, סע״א. ובפרש״י: „ימי נסים היו לישראל פורים ופסח" — שהתחלת וסיבת הנס דפסח (יצ״מ) היא בלידת מושיען של ישראל בז׳ אדר (ראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 344 ואילך).

21) גירסת הרא״ש.

22) שם, ריש ע״ב.

*) אף שבספרים שהובא הטעם ד„מחני נא" לא נזכר ע״ד הקשר למיתתו *בשבעה* באדר.

23) אסת״ר פ״ז, יא (וראה לקמן שוה״ג להערה 168).

24) ומ״ש „וידגו לרוב בקרב הארץ", וארז״ל (ברכות כ, סע״א. וש״נ) „מה דגים שבים מים מכסין עליהם ואין עין הרע שולטת בהם וכו׳" (כקושיית היפה ענף שם) — ראה לקמן הערה 75.

25) ושאני „מרחשון זכות שרה אמנו שמתה בו" — ש„חושבו לזכות שמתה מצער בשורת העקידה" (חידושי הרד״ל ופי׳ יפה ענף שם).

26) כ״ה („באחד") הגירסא באסת״ר שלפנינו. ובפי׳ יפה ענף: „בשביעי באדר מת משה ובשביעי באדר נולד כצ״ל, וילפינן זה מקראי בקדושין ל״ח ע״א". וראה לקמן הערה 34.

אחד[26] באדר נולד משה, ואמר כשם שהדגים בולעין כך אני בולע אותן, אמר לו הקב"ה, רשע, דגים פעמים נבלעין ופעמים בולעין, ועכשיו אותו האיש נבלע מן הבולעין".

ובזה מודגש יותר (לכאורה) שלידת משה רק מבטלת הענין הבלתי־רצוי שבמיתתו, בדוגמת ביטול האפשרות ד"אני בולע אותן" כיון ש"פעמים (כולל ובמיוחד "עכשיו") בולעין", אבל החודש עצמו נשאר במעמד ומצב ש"אין לו זכות ומזלו אין לו זכות", ובודאי לא באופן שיש בו מעלה וזכות יתירה לגבי שאר חדשי השנה?

ג. ויש לומר הביאור בזה:

ע"פ הידוע[27] שביום הולדתו של אדם "המזל השולט ביום ההוא עוזר לו"[28], היינו, שהמזל דהיום עוזר להאדם ש"מזלו (של האדם) גובר" (כלשון הכתוב[29] "וגבר ישראל"), יש לומר, שביום הולדתו של משה — "משה הוא ישראל[30] וישראל הם משה . . נשיא הדור הוא ככל הדור כי הנשיא הוא הכל"[31] (וכיון ש"אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא"[32], כולל משה את כל בנ"י עד סוף כל הדורות) — גובר מזלם של ישראל[33].

ומזה מובן גם בנוגע להמזל דהחודש — שבחודש שנולד בו משה ("הוא ישראל") עוזר המזל של החודש להתגברות המזל דישראל, ולכן "אדר דבריא ותקיף מזליי", היינו, שלידת משה ("הוא ישראל") בשבעה באדר פועלת על כל החודש[34] שבו גובר (בריא ותקיף) מזלם של ישראל.

ועפ"ז יש לומר, שסיום דברי המדרש "והוא לא ידע שבשבעה באדר . . נולד משה" הוא תשובה גם על זה ש"אדר אין לו זכות ומזלו אין לו זכות" — שאין צורך בהזכות של אדר ומזלו (כבשאר החדשים, שיש צורך בזכות של החודש והמזל שלו, "זכות פסח" וכיו"ב), בגלל שישנו ענין נעלה יותר מהזכות של החודש ומזלו — (התגברות) המזל דישראל, כיון שלידת משה ("הוא ישראל") בחודש אדר פועלת העזר דמזל החודש (אף שאין לו זכות) להתגברות המזל דישראל[35].

---

27) ראה ס' השיחות תשמ"ח ח"א ע' 331 ואילך. ח"ב ע' 398 ואילך, ובהנסמן שם.

28) ירושלמי ר"ה פ"ג ה"ח, ובקה"ע שם.

29) בשלח יז, יא.

30) ולהעיר ממ"ש (בהעלותך יא, כא) "שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו" (ראה לקו"ת בהעלותך לא, ד. לג, ב. ובכ"מ), וכידוע ש"כל נפש ונפש מבית ישראל יש בה מבחי' משרע"ה" (תניא רפמ"ב).

31) פרש"י חוקת כא, כא.

32) תקו"ז תס"ט (קיב, רע"א. קיד, רע"א). וראה ב"ר פנ"ו, ז. זח"ג רעג, א.

33) ועי"ד מ"ש (בשלח שם) "והי' כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל". ולהעיר, שפסוק זה קורין בפורים, שהתחלתו בשבעה באדר, ויש לומר, שבזה מרומז שהנתינת־כח להנס דפורים הו"ע "וגבר (מזלם של) ישראל" בלידת משה.

34) ועפ"ז יש לבאר הדיוק באסת"ר "באחד באדר נולד משה" (שבודאי לא פליג על המפורש בקידושין שילפינן מקראי שמיתת ולידת משה בשבעה באדר, כנ"ל הערה 26) — שהכוונה היא להדגיש הפעולה על כל החודש, מאחד באדר, שכולל כל ימי החודש.

35) ועפ"ז יש לבאר המשך דברי המדרש "אמר (המן) כשם שהדגים בולעין כך אני בולע אותן, אמר לו הקב"ה, רשע, דגים פעמים נבלעין ופעמים בולעין, ועכשיו אותו האיש נבלע מן הבולעין" (דלכאורה, כיון ש"דגים פעמים נבלעין ופעמים בולעין", מהו ההכרח ש"עכשיו אותו האיש נבלע מן הבולעין") — שמצד מזלו של אדר (מזל דגים) ישנה אפשרות לכאן ולכאן ("פעמים נבלעין ופעמים בולעין"), אלא, שלידת משה ("הוא ישראל") באדר פועלת שהמזל דאדר עוזר להתגברות מזלם של ישראל ("עכשיו אותו האיש נבלע מן הבולעין").

ד. ויש לומר, שהתגברות מזלם של ישראל בחודש אדר (בגלל לידת משה) ניכרת גם בכך שחודש אדר הוא חודש העיבור[36], חודש כפול (ב׳ חדשים, ששים יום), ועל ידו דוקא נשלם החסרון דשנת הלבנה לגבי שנת החמה[37], ועד לאופן של שלימות ותמימות („שנה תמימה״[38]) יותר משנת החמה[39] — כי, מכל „חדשי השנה (ש)הם חדשי הלבנה״[40] השייכים לישראל ש„דומין ללבנה ומונין ללבנה״[41] ו„עתידים להתחדש כמותה״[42] (משא״כ אוה״ע שדומין ומונין לחמה[41]), גדלה מעלתו של חודש אדר („בריא ותקיף מזלי׳״) שבו גובר מזלם של ישראל.

וכמה פרטים בזה:

א) אדר דשנת העיבור כולל שני חדשים — שהחידוש דמולד הלבנה, שרומז על החידוש דישראל, הוא באופן ד„כפלים (לתושי׳)״[43].

ב) באדר דשנת העיבור יש ששים יום — שרומז על הענין דביטול בששים, היינו, נתינת־כח לביטול כל ענינים בלתי־רצויים[44] והפיכתם לטוב, ועד שראויים לאכילתם של ישראל להיות דם ובשר כבשרם, כמשל „דברים חריפים או חמוצים רק שהם מתובלים ומתוקנים היטב עד שנעשו מעדנים להשיב הנפש״[45].

ג) ועוד ועיקר: על ידו נעשית השלימות דכל חדשי הלבנה שמשתווים לשנת החמה — שרומז על קיום היעוד[46] „והי׳ אור הלבנה כאור החמה וגו׳ שבעתיים כאור שבעת הימים״, לעתיד לבוא, כש„עתידים להתחדש כמותה״.

וכל זה מודגש יותר בקביעות שנה זו שר״ח אדר ראשון חל ביום שלישי וביום רביעי:

יום שלישי שהוכפל בו כי טוב[47] — „כפליים לתושי׳״, ומתקן גם הענין הבלתי־רצוי דיום שני (שנבראת בו מחלוקת[48]), „אחד לגמר מלאכת השני ואחד לגמר מלאכת היום״[47],

ויום רביעי — שבו נתלו „שני המאורות הגדולים״[49], שרומז „שיהי׳ אור הלבנה כאור החמה כאור שבעת ימי בראשית, כמו שהיתה קודם מיעוטה שנאמר ויעש אלקים את שני המאורות הגדולים״[42].

ועוד ועיקר — צירוף ב׳ הימים דר״ח אדר ראשון, שלישי ורביעי, ג׳ וד׳: הצירוף דג׳ (שלישי) וד׳ (רביעי) הוא

---

36) ועפ״ז יומתק שלידת משה היתה באדר ראשון, בשנה מעוברת (כנ״ל הערה 3).

37) ש„יתירה שנת החמה על שנת הלבנה קרוב מאחד עשר יום״ (רמב״ם הל׳ קידוה״ח פ״א ה״ב. וראה שם פ״ו ה״ד. פי״ ה״א).

38) ערכין לא, א — במשנה. רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פי״ב ה״ה.

39) שהרי, בשנת החמה ישנם שס״ה ימים, ובשנת העיבור (שלימה, שחשון וכסלו מלאים) ישנם שפ״ה ימים — יתרון של עשרים יום, שנוסף על מילוי החסרון די״א יום, יש בו גם „מקדמה״ לשנה הבאה (ראה מפרשי הרמב״ם הל׳ קידוה״ח שם).

40) רמב״ם ריש הל׳ קידוה״ח.

41) ראה סוכה כט, א. ב״ר פ״ו, ג. אוה״ת בראשית ד, סע״ב ואילך. ועוד.

42) נוסח קידוש לבנה (סנהדרין מב, א).

43) ל׳ הכתוב — איוב יא, ו. וראה שמו״ר רפמ״ו.

44) ומרומז ב„(כפלים ל)תושי׳״ — ש„תושי׳״ קאי על התשת כח הסט״א כו׳ (תו״א יתרו סז, ב. ובכ״מ).

45) תניא פכ״ז.

46) ישעי׳ ל, כו.

47) פרש״י בראשית א, ז (מב״ר פ״ד, ו).

48) ב״ר שם.

49) בראשית א, טז. פרש״י שם, יד.

„גד"[50], שפירושו „מזל טוב"[51], שבזה מודגש עוד יותר הענין ד„בריא ותקיף מזלי". וענין זה קשור עם לידת משה בשבעה באדר — כמרומז בצירוף המס־פרים ג' וד' יחדיו שעולים שבעה[52], היינו, שלידת משה בשבעה באדר פוע־לת התגברות המזל („בריא ותקיף מזלי") בכל חודש אדר, שנכלל בב' הימים דראש חודש, ג' וד', „גד" „מזל טוב" (בריא ותקיף).

ה. ויש לבאר תוכן הענין דהתגברות מזלם של ישראל (מצד לידת משה) ב־חודש אדר — בעומק יותר:

„מזל" דישראל — קאי על שרש ה־נשמה למעלה, כידוע[53] שירידת הנשמה למטה להתלבש בגוף היא הארה מה־נשמה בלבד, אבל עיקר הנשמה ומקורה נשאר למעלה, ונקראת „מזל" („אדם (ד)אית לי' מזלא"[54] ו„הכל תלוי במזל"[55]), מלשון „נוזל", שהוא המקור להיות נוזל ממנו השפעה ורוח חיים.

וזה שאמרו חז"ל[56] „אין מזל לישראל" — קאי על מזלות השרים וכוכבים אשר חלק לכל העמים[57], שישראל הם למעלה ממזלות אלו, אבל גם לישראל יש מזל, ואדרבה, המזל דישראל הוא נעלה יותר באין־ערוך משאר המזלות, כי, המזל ש־להם הוא מבחי' „אַיִן" (ע"ד מ"ש[58] „וה־חכמה מאין תמצא"), אין שאינו מושג (ולכן יש בהם ענין המס"נ שלמעלה מהשכל).

וענין זה מודגש בלידת משה (בחודש אדר) שהיא גם הלידה דישראל („משה הוא ישראל") — כי, לידה קשורה עם עצם המציאות שלמעלה משם (שהרי ב־עת הלידה אינו נקרא בשם)[59], ורומז על עצם הנשמה שלמעלה מ„חמשה שמות (ש)נקראו לה"[60] (למעלה אפילו מ„יחידה" שגם היא „שם" לעצם הנשמה[61]), וזהו תוכן הענין דהתגברות מזלם של ישראל, עצם הנשמה, בחינת „אין" (בחודש אדר).

ועפ"ז יש לבאר הקשר והשייכות ד־לידת משה לפורים (שהמן לא הי' יודע שבשבעה באדר נולד משה) — כי, „אנו רואים שכל הימים שהיו בנ"י בסכנה מפני גזירת המן . . היו כולם בבחי' מס"נ ממש[62] . . כי בכל שעה ושעה היו מוכנים למסור נפשם להריגה ולא לעבור דת ח"ו", „מסירת נפש על קדוש השם, שהרי אם רצו להמיר דתם לא הי' המן עושה להם כלום, שלא גזר אלא על היהודים, אלא שהם מסרו עצמן למות כל השנה כולה, ולא עלה להם מחשבת חוץ ח"ו"[63], והכח לזה הוא ע"י התגלות עצם הנשמה, שזהו תוכן הענין דלידת משה (בחודש אדר[64]), גילוי (לידה גם מלשון גילוי) העצם דישראל.

---

50) וגם „דג" — מזלו של חודש אדר (מזל דגים).

51) ויצא ל, יא ובפרש"י.

52) וי"ל שרומז על „שבעתיים כאור שבעת הימים".

53) לקו"ת ר"פ האזינו. ובכ"מ.

54) שבת נג, ב. וש"נ.

55) זח"ג קלד, רע"א. קפט, ריש ע"ב.

56) שבת קנו, א.

57) כלשון הכתוב — ואתחנן ד, יט.

58) איוב כח, יב.

59) ראה לקו"ש חכ"ד ע' 205. וש"נ.

60) ב"ר פי"ד, ט. דב"ר פ"ב, לז.

61) ראה סה"מ תרצ"ז ס"ע 56. וש"נ.

62) ועל שם זה נקראים בכל המגילה „יהודים" — ע"ש ההודאה והמס"נ שמצד נקודת היהדות (ראה תו"א מג"א צז, א. צט, א. ובכ"מ).

63) תו"א שם צז, א. קכ, ד (בהוספות). ובכ"מ.

64) ולכן נפל הגורל על חודש אדר, ו„על כן קראו לימים האלה פורים על שם הפור" (אסתר ט, כו), „הפור הוא הגורל" (שם ג, ז. ט, כד) — ש„גורל" רומז על עצם הנשמה, שהתקשרותה עם הקב"ה היא